STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09501

TRIT NOKH TRIT

Sarah Fell-Yellin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טריט נאָך טריט

פון

סאָרע פעל-יעלין

אילוסטרירט פון

נאָטע קאָזלאָווסקי

●

אַרויסגעגעבן פון

קאָמיטעט פון אַרבעטער און קולטור אָרגאַניזאַציעס

אין באָסטאָן, מאַס., אַמעריקא

1937

COPYRIGHT 1937, BY SARAH FELL-YELLIN
BOSTON, MASS.

O

איבערדרוקן, אינגאַנצן אָדער טיילווייז, אָן דער
דערלויבניש פון מעכאַבער, פאַרבאָטן.

געזעצט און געדרוקט באַ דער
אינדעפּענדענט פּרעס, באָסטאָן

אַנערקענונג

איך וויל אין אַ פּאָר ווערטער אויסדריקן מיין פולסטע אַנערקענונג און דאַנקבאַרקייט צו אַלע כאַווירים, פריינט און אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן פון מיין בוך.

צוערשט וויל איך מיט פרייד דערמאָנען אַז כאַווער מוישע נאַדיר איז געווען דעריעניקער וואָס האָט פאַקטיש גענומען די איניציאַטיוו אין צוזאַמענשטעלן און אינספּירירן דעם קאָמיטעט גלייך צו צוטרעטן צו דער אַרבעט.

צווייטנס קומט דער קאָמיטעט — זיין צוזאַמענשטעל און גייסט האָט באַוויזן אַז אַ פּראָלעטאַרישער שרייבער האָט זיך אַף וועמען אָנצושפּאַרן; זיין אומדערמידלעכע אַרבעט און ערנסטע פאַרשטענדעניש פאַר אַזאַ קולטור־אַרבעט ווי אַרויסגעבן אַ בוך איז אַ שיינער אָנהויב פאַר ווייטערדיקע קולטור־דערגרייכונגען.

און צולעצט, אָבער ניט צום ווייניקסטן דאַנקבאַר, בין איך די נאָהנטע כאַווירים אויסער דעם קאָמיטעט, וואָס האָבן מיט זייער טיכטיקער פאָר־פאַרשפּרייטונג פונ׳ם בוך אַרויסגעהאָלפן דעם קאָמיטעט דערפאָלגרייך דורכצופירן די אַרבעט. אַ דאַנק קומט אויך דעם קינסטלער נאָטע קאָזלאָווסקי (געוועזענער שילער מיינער נאָך פון פוילן), וואָס האָט מיט זיינע איינדרוקספולע אילוסטראַציעס באַצירט מיין בוך.

אונטערוועגנס צו אַ בעסערער וועלט, צווישן אַזוי פיל טאָג־טעגלעכע רוטינע, נויטווענדיקע אויפגאַבן, איז די פריידיקע קאָאָפּעראַציע און דערמוטיקונג פון כאַווירים אַן אָנרעג צום ווייטערדיקן שאַפן.

סאָרע פעל - יעלין.

פאַרלאַג קאָמיטעט:

●

ל. הורוויטש, פּאַרזיצער
דר. ה. האַלפּערן, טרעזשורער
מענדל יעלין, סעקרעטער

ס. בלאַק
כאַווער און כאַוועריטע בער
וו. גאָלדשטיין
איוואַ האָפמאַן
מערי האַלפּערן
וואָלף וויינער
ענא ווייס
שיפרע מאַר
דר. ה. טשיימסאַן

ריווא טשיימסאָן
איזידאָר לעוויט
ה. סמילג
מ. פישמאַן
בערטאַ קאָהן
דר. פאולין קלאַרק
נ. קראַסין
דאָרא ריקלין
איזידאָר שאָר

○

אינדאָרסירט פון פאָלגענדיקע אָרגאַניזאַציעס:

אידישע ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי
פון באָסטאָן
דיסטריקט קאָמיטעט פון אָרדן
דיסטריקט קאָמיטעט פון איקאָר
בירא-בידזשאַן אינסטיטוט פון באָסטאָן
דיסטריקט קאָמיטעט פון פרויען קאונסלס
דזשאַן ריד ברענטש 718 אַרבעטער רינג
פרייהייט געזאַנג פאַריין

צו מיין טייערן כאַוועַר און פריינט
מענדל.

אַ פּאָר ווערטער פון משה נאַדיר

(אנשטאט אַ פאָרוואָרט)

טייערע חבר'טע שרה פעל-יעלין:

ווען איך האָב אייך צוגעזאָגט צו שרייבן אַ פאָרוואָרט צו אייער בוך, האָב איך מיר גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי שווער דאָס וועט מיר אָנקומען.

זוכנדיק טיף אין מיר דאָס וואָרט וואָס זאָל אָננעמען אייער וואָרט ביי דער האַנט און עס פאָרשטעלן, האָב איך מיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. ווי קאָן איך, וואָס איך האָב אַזוי ווייניק אמונה אין ליטעראַרישע אויטאָריטעט, געבן אויטאָריטעט?

ביי מיר איז שטענדיק אויסגעקומען, אַז אַ פרעמד פאָר-וואָרט אין אַ בוך, איז ווי אַ פאָרטרעט פון זיך אַליין אין דער אייגענער שטוב, סאַמע אויבנאָן, איבערן שפיגל...

פון דעם ביסל וואָס איך האָב געלייענט פון אייער בוך, ווען איר האָט מיר געוויזן די קינדער-מעשיות און קינדער-לידער, דאַכט זיך מיר, אַז מער ווי דאָס קינד, איז עס דאָס פראַכטיג מוטערלעכע אין אייך, וואָס קומט דאָ צום אויס-דרוק.

איך, ווי איינער פון די פילע מוטערלאָזע קינדער אין דער אידישער ליטעראַטור, ווייס איך ווי אייך אָפּצושאַצן, טייערע חבר'טע שרה פעל-יעלין. וועלכער קוואַל פון זויבערער גוטס-קייט צו מענטש און וועלט עס שלאָגט פון אייערע דיכט-ווערק און בפרט צום אַרבעטנדיקן און אונטערדריקטן!

מוטער, לערערין, קעמפערין — אויף דעם באַרוף, דאַרפן אייך אַלע מקנא זיין, אין און אויסער דער ליטעראַטור.

מער קונסט, ווייניקער קונסט — באַ אַזאַ יום-טוב'דיקער געלעגענהייט, ווי עס שטעלט מיט זיך פאָר דאָס דערשיינען פון אייער בוך, דורך דער איניציאַטיוו פון אַזוי פיל פריינט, חברים און פאַרערער אייערע, אינ'ם רווישיקן קרייז פון אייער ווירקן — דאָ בלייבט די מבינות פאַרשעמט און רוקט זיך באַשיידן אוועק אין אַ ווינקל.

מוטער טייערע, לערערין, געשעצטע, קעמפערין גע-ליבטע!

משה נאַדיר.

סילווען לייק, נ. י.
אוגוסט 23, 1937.

טריט נאָך טריט

ניין

ט-ר-י-ט נ-א-ך ט-ר-י-ט

אַף אַ באַרג אַ הויכן
וואַרט אַ נייע וועלט,
פּרעכטיקע פּאַלאַצן
זיינען דאָרט צעשטעלט.

זי וואַרט געשמידט אין קייטן
אַף מיר און אויך אַף דיר,
הינטער שווערע טויערן,
הינטער גאָלדן טיר.

אין ליכטיקע זאַלאָנען,
שטייען טישן גרייט,
לעקאכער מיט טאָרטן,
עסט מען אנשטאט ברויט.

טייערע מאַיכאָלים,
וויין און זיסער מעד,
אייז־קרים פולע טאַצן
באַ טויערן פון שטעט.

שפּילכלעך אין מיליאַסן
ווערן דאָרט געמאַכט —
אַרבעט, שטיף און הוליע
פון פרי ביז שפּעט ביינאַכט!

שפּיל־שטעט פול מיט וואונדער,
שיפן, עראָפּלאַנען,
קינדערשע פאַבריקלעך,
לויפנדיקע באַנען.

גראם זיינען פּאַלאַצן,
פענסטער אָן אַ צאָל,
ס'האָט די זון פאַרטריבן
שאָטנס פונ'ם טאָל.

לעב ווי פרייער פויגל,
ווי אַ פיש אין יאַם,
ווי אַ בלום אין גאָרטן,
ווי אין וואַלד אַ שטאַם.

וואָלט דאָך גוט געווען,
הויבט זיך אָן אַ זאָרג —
ס'האָט אַ וואַלד אַ שוואַרצער
אָפּגעצאַמט דעם באַרג.

דאַרף מען האַק און זעגן,
דאַרף מען פלייצעס שטאַרק —
אויסהאַקן זיך שטעגן
צו דעם וואונדער־באַרג.

באַרג אַרויף צו קריכן
מוז מען זיין געניט —
מען מוז גיין פּאַמעלעך,
היטן יעדן טריט.

עלף

גליטשיק זיינען פעלזן
פון אַלטן מאָך און שימל,
אין באַרג-שפּאַלטן פּאַרטייעט
אַ ווילדער שלאַנג-געווימל.

וואַלקנדיקע שאָטנס
וואַרפן אָן אַ שרעק,
טאַנצן פאַר די אויגן,
פירן אָפּ פון וועג...

בליק געצילט אַרויפצו —
ניט אַ טריט צוריק —
פון די שוואַרצע וואָלקנס
פלעכט צונויף אַ בריק.

אויף דעם באַרג דעם הויכן,
אונטער שווערן טויער,
לייגט די וועלט, פון וואונדער,
צו דער ערד איר אויער.

הערט זי ווי מיר גייען,
מעסטן יעדן טריט,
פילט זי ווי מיר טראָגן
איר אַ יאָמטעוו ליד.

הערט זי פּויקן קלאַפּן,
הערט זי שפּילן פלייטן,
גריסט זי אונז פון ווייטן
מיט געבראַזג פון קייטן.

צוועלף

אירע הענט געפּענטעט,
אירע פּים געבונדן,
ביינקענדיקע אויגן —
פֿאַקעלן צעצונדן.

מיר אַף וועגן שווערע
זאָלן זי דערהערן,
ס׳זאָל די צאָל פֿון בראַווע
וואַקסן און זיך מערן.

גייען מיר און זינגען
פֿון דעם גרויסן וואונדער,
ווערט דער טראָט פֿון אַלטע,
לייכטער ווי פֿון קינדער.

דורך דעם וואַלד געדיכטן,
דורך צעקרימטע שטעגן,
טרעפֿן זיך די מאַכנעס
אַף געקלערטע וועגן.

זינגט די זעג און האַמער,
ענטפֿערן די טאָלן,
פֿריילעכער ווערט, גראַמער
ס׳יובלען ווידער קאָלן.

קנאַלן וואו האַרמאַטן,
רופֿט צום קריג דער האָרן,
היטן מיר, סאָלדאַטן,
אונזער שליאַך דעם קלאָרן:

דרייצן

פּים — ווי גרינגע ציגן,
אויגן — שאַרפע פיילן,
הענט — ווי ווינט אין זעגלען,
הערצער — הייסע קוילן.

יעדער טריט מאַכט לויזער
אַף דער וועלט אַ קייט,
יעדער שפּאַן פאַרקינדיקט
איר אַ נייע פרייד.

ווייס זי אַז מיר גייען . . .
ווייס — מיר קומען אָן
און צעוויקלט באַרג זון
ווי אַ זיגער־פאָן.

און אָט פּראַלן טירן,
און אָט פּלאַצן ריגלען,
ס׳ווערן שנעל צעבראָכן
אַלטע, שווערע זיגלען.

וועלט איז פריי פון קייטן,
וועלט איז פריי פון צוואַנגען,
ס׳וויינען פידלען, פלייטן,
ס׳דונערן געזאַנגען.

וועלט אין שווערע וואונדן,
פירט אונז אין זאַלאָנען,
צו געגרייטע טישן,
אויסגעפּוצט מיט פאָנען.

ווערן אויגן-בעכער
פול מיט זיסע טרערן,
הויבן מיר די פויסטן
און מיר שווערן, שווערן:

אונזער וועלט פון זאַטקייט,
אונזער וועלט פון וואונדער,
ווען מיר באַזינגען
פאַר אונזערע קינדערס-קינדער.

אַ גוט יאָמטעוו

(אַ מאַטאָנע אַלע קינדער)

אַ גוט יאָמטעוו,
אַ גוט יאָמטעוו,
טראַם-טאַ-ראַ-ראַם-טאַ
איינס, צוויי, דריי.
פאָנען רויטע,
פרייד אין הארצן
טראָגט אַנטקעגן
ערשטער מאַי!

גלייך און שטאָלץ,
ווי פּיאָנערן,
מאַרשן קינדער
ריי נאָך ריי,
הויבן יאָמטעוודיק זיך
פּיסלעך,
טראַם-טאַ-ראַ-ראַם-טאַ
לייכט און פריי.

אַ גוט יאָמטעוו,
טאַטע - מאַמען,
טראַם-טאַ-ראַ-ראַם-טאַ
איינס, צוויי, דריי,
מירן גיין מיט אייך
צוזאַמען
ביז די וועלט
וועט ווערן פריי.

אַ גוט יאָמטעוו,
אַלע קינדער
טראַם-טאַ-ראַ-ראַם-טאַ
איינס, צוויי, דריי,
שוואַרצע, ברוינע,
געלע, ווייסע,
זינגט און טאַנצט
לעקאָוועד מאַי!

די קאַפּעליע

1

העי, קאַפּעליע, קיילים נעמט,
אַלע קוקט מיך אָן,
גרייט זיי, פּייקל און טרומייטער,
גרייט זיי, סאַקסאָפאָן!

איך בין אייער קאַפּעלמייסטער,
הערט וואָס כ׳זאָג אייך אָן —
אויפ׳ן וואונק פון וואונדער־שטעקל
הויבן אַלע אָן:

איינס, צוויי — טראַם־טאַ־טאַ
איינס, צוויי — טו־טו־טו
טראַם־טאַ־טאַ און טו־טו־טו
העי, שלימאַזעל, וואו ביסטו,
פּייקלער מיט דיין בום?...

2

פּייקלער, ניט פאַרפעל דיין בום,
גלייך נאָכ׳ן טרומייט,
האָסט פאַרשלאָפן, פּעפּער דו,
די גאַנצע שפּיל צעדרייט!...

הויבט זשע אָן צום צווייטן מאָל —
קיילים גרייט אין האַנט —
שאַרף מוז האַלטן אויג און אויער
יעדער מוזיקאַנט.

איינס, צוויי — טראַם-טאַ-טאַ
איינס, צוויי — טו-טו-טו
טראַם-טאַ-טאַ און טו-טו-טו
סאַקסאפאָן, אוי וואָס טוסטו,
וואָס קרייסטו ווי אַ האָן?

3

שלימאזאלניק, סאקסאפאָן,
וואָס קרייסטו ווי אַ האָן?
נעם די אויגן אין די הענט
און זע וואָס כ׳הײם דיר טאָן...

כעוורע, ס׳איז דאָס לעצטע מאָל,
ווייזט זשע וואָס איר קענט —
טויג עם ניט, טו זוכט זיך אוים
אַן אַנדער דיריגענט!

איינס, צוויי — טראַם-טאַ-טאַ
איינס, צוויי — טו-טו-טו
טראַם-טאַ-טאַ און טו-טו-טו
שווייג, טרומייטער, לאָז צו רו,
וואָס ווילסטו מיט דיין קוויטש?!

4

מיט אַ קוויטשל אַ טרומייט,
אַ פּייקל מיט אַ בום,
סאַקסאָפאָן ווי הענדל קרייט,
וואָס קען אַרויס דערפון?
העי קאַפּעליע, קיילים נעמט,
יעדער אין זיין האַנט
און פאַרזאָגט אַ צענטן מאָל
צו זיין אַ מוזיקאַנט!...

איינס, צוויי — טראַם־טאַ־טאַ
איינס, צוויי — טו־טו־טו
טראַם־טאַ־טאַ און טו־טו־טו
מאַרש, קאַפּעליע אין אַ זו
דאָרט איז אייער אָרט!...



ס׳גייט דער זייגער, ס׳גייט...

ס׳גייט דער זייגער, ס׳גייט,
האַמערט אונדזער צייט,
פלעכט פון רעגעס קורצע
טעג, מאָנאַטן, יאָרן;
וועבט פון זאָרג — אַ שלייער,
און פון פרייד — אוזאָרן.

ס׳גייט דער זייגער, ס׳גייט,
האַמערט אונדזער צייט,
און ווען נאַכט קומט שטילע,
וויינט ער אויס זיין טרויער,
און אַ סאָד אַ זיסן
רוימט ער איין אין אויער:
„דער היינט פון צאַר — ווערט נעכטן,
דער מאָרגן וועט באַלד קומען;
שוין פאַרטיק די געפלעכטן
פון פרייד און רויטע בלומען . . .

„ס׳גייט דער זייגער, ס׳גייט,
און פלעכט פון גליק אַ צייט —
זייט גרייט! . . .”

פרילינג

ס'איז פרילינג אין דרויסן,
עס בליט גראָז און בוים;
עס וואַקסט אויך דער הונגער
אין אָרעמער היים.

אין זון פון דעם פרילינג
קוקט שאַרפער אַרויס
דער אומעט און גרויקייט
פון אַרבעטער-הויז.

די קינדער אַנטלויפן
צו ליכטיקער גאַס,
פאַרטרייבן דעם אומעט
אין שטיף און אין שפּאַס.

לויפט הונגער זיי נאָך
און פאַרשטעלט יעדן טראָט,
און אין פּוסטע געדערים
ער טאַנצט קאַראַהאָד.

ס'איז פריילעך אין דרויסן,
עס בליט גראָז און בוים,
נאָר קינדערלעך וועלקן
אין גאַס און אין היים. . .

יאַנקעלע דער עקספּלואַטאַטאָר

יאַנקל איז מיטאַמאָל אַ געוויר געוואָרן. זיין מומע, וואָס האָט פאַרבראַכט מיט זיי אַ פּאָר טעג, איז היינט אַוועק־געפאָרן און אים איבערגעלאָזט אַ האַלבן טאַלער — איר פאַרשטייט כאַטש, אַ גאַנצן האַלבן טאַלער!

פון גרוים סימכע האָט זיך יאַנקל שיר ניט צעוויינט, ס'האָט זיך אים געוואָלט פּילן מיט זיינע אייגענע הענט, אַז ס'מיינט טאַקע פופציק קופּערנע סענט! איז ער אַוועק אין אַ קרעמל און האָט אויסגעביטן די זילבערנע מאַטבייע אויף פופציק קופּערלעך. די פופציק קופּערלעך האָט ער אַריינגע־לייגט אין אַ בלעכענער פּאַפּיראָסן־פּושקע, די בלעכענע פּושקע אַריינגעלייגט אין די הויזן־קעשענעס און זיך געלאָזט לויפן . . . אַי האָט עס געקלונגען! איבער דער גאַנצער גאַס האָבן זיך צעליאַרעמט יאַנקל'ס פופציק קופּערלעך פון זיין קעשענע אַרויס און געשריען צו דער וועלט: יאַנקל איז אַ געוויר געוואָרן! יאַנקל איז אַ געוויר געוואָרן!

דריי נעכט האָט יאַנקל זיינע קופּערלעך געהאַלטן אונ־טערן קישן און זיי אַלע מאָל אין שלאָף אַ טאַפּ געטאָן . . . דריי טעג איז יאַנקל אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע כאַווירים, ווי אַ יונגער הענדל מיט אַ פּאַריסן קעפּל, צוגעהאַלטן מיט די הענט די פּאַפּיראָסן־פּושקע מיט די קופּערלעך אין זיינע הויזן קעשענעס, צוגעקלונגען פון צייט צו צייט, און אַלעמען דערציילט פון גרויסן גליק.

— הערי, יאַנקל, וואָס קלערסטו טאַקע טאָן מיט אַזאַ באַרג געלט? — האָט אים זיין בעסטער פריינט, וויגדער, האַכנאַ־עדיק אַ פרעג געטאָן — וואָס ווילסטו פאַר דעם קויפן?

— כאַ . . . כאַ . . . פרעג בעסער וואָס וויל איך ניט קויפן!

וואָס קויפן? אַלצדינג קען איך האָבן פאַר מיין געלט איך זאָל נאָר וועלן — אַ לעדערנע ביים-באַל . . . אַ טענים וואַרפער . . . אַ שפּאַקטיוו מיט אַן עלעקטרישן לעמפּל . . . אַ

מעסערל מיט צוויי שאַרפלעך . . . אַ ביקסל מיט פּיסטאָנעס . . . אַ בלאָזער מיט אַ גאַנצן זעקעלע בעבלעך . . . ס'טגעזען אַמאָל? מ'לייגט אַריין אַ בעבל אין אַ רערל און מ'דערלאַנגט אַ בלאָז, פליט עס אַרויס ווי אונטערגעשאָסן. מאַלע וואָס מ'קען קויפן . . . פאַרענדיקט ער מיט גרויסקייט און דער-

לאנגט ווידער א קלונג מיט זיינע פופציק קופערלעך אין זיין בלעכענער קאסע.

— קום, ווינגדער, לאמיר נאר אריינגיין אין קראם, אט א דא גלייך אפן ראג און זען וואס מ׳קען איינהאנדלען. . .

ווינגדער, פארשטייט זיך, האט זיך לאנג ניט געלאזט בעטן . . . איין קלייניקייט! ער׳ט איצט קענען אן א פעני געלט איבערטאפן און איבערקוקן אלץ וואס אין קראם איז פאראן. אז די קרעמערקע וועט נאר דערזען א יאנקל האט אזויפיל פענים וועט זי שוין לאזן . . . אזא . . . שטענדיק בעט זי אפריער א קוק טאן וויפיל מ׳האט!

יאנקל האט מיט ברייטקייט פון א קאפיטאליסט א שנעל געטאן די טיר פון געוועלב, אריינגעמארשירט מיט זיין פריינט ווינגדער מיט אזא מינע אפן פאנעם ווי ער וואלט זיך געטראכט: א ווערדע האט זי איצט בא מיר מיט אירע ביזנעס. . .

ווינגדערקע האט זיך אויך אנגענומען מיט זיין כאווערס גרויסקייט און האט מיט ווירדע אנגעהויבן צו אייצען יאנקלען וואס צו קויפן.

די קרעמערקע, וואס האט שוין געזען יאנקלס פאר־מעגן, איז גאר אן אנדערע געווארן — ווייך ווי פוטער — און א שמייכעלע אזא ליבן . . . און א גלעט . . . א קלייניקייט, אזא מאטניא מיט געלט . . . זי האט געוואוסט, אז פריהער אדער שפעטער, יאנקעלע וועט שוין מיסטאמע די פענעלעך איבערלאזן בא איר. . .

יאנקעלע מיט ווינגדערקען האבן אויסגעפרואווט די פייפ־לעך, באטאפט די הארמאניקעס, די לופט־באלונען מיט די ביקסלעך, די פאפירענע שפאקטיוון און ברילן, די שפיגעלעך מיט א מאלפע אדער אן אייזל אף דער אנדערער זייט (אזוי אז מען הייסט א קוק טאן אף דער מאלפע און מ׳פרעגט:

„ווילסט זען אַ גרעסערע?״ אויב מען כאַפּט ניט דעם שפּאַס און מ׳ענטפערט יע, דרייט מען איבער מיט׳ן שפּיגל-זייט און מ׳דערזעט זיך אַליין.) ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די „עגעטס״ — אַזוינע גלעזערנע רוישערלעך פון פאַרשיידנ־אַרטיקע, בונטע קאָלירן — האָט זיי אַ בלענד געטאָן אין די אויגן פון שיינקייט. . . וויגדערקע האָט יעדער „עגעט״ אויס־געגלעט אין זיינע הענט און די ווייסע, די מאַזלדיקע, האָט זיך אים בעשום אויפן ניט געוואָלט אַרויסלאָזן פון דער האַנט.

יאַנקל האָט אויך זיין אויג ניט געקענט אָפּרייסן פון אַזאַ פּראַכט . . . האָט ער זיך גענומען אויספרעגן די פּרייזן, ווייל ווי איר שטייסט זיך שוין מיסטאָמע אָן, גייט עס לויט דער גרויס — אין איין סעזאָן זיינען די קלענסטע די טייערסטע, אין צווייטן די גרעסטע. . .

— וויגדערקע, דו ווייסט, איך וועל אָפּקויפן די גאַנצע קעסטל, אָט אַזוי ווי זי שטייט און גייט . . . צען צו צוויי פּאַר אַ ניקל . . . דריי „פּאָפּס״, די גרעסטע און שטאַרקסטע, פינף סענט אַ שטיק. . .

מיט וויגדערקעס הילף האָט ער אויסגעביטן די „עגעטס״ פון זיין קעסטעלע אַף וואָס מער מאַזעלדיקע — ווייסע און געלבלעכע — ער האָט אויסגעציילט מיט אַ שווערן געמיט זיינע פּופּציק איינציקע קופּערלעך . . . אַ קוק געטאָן אַף דאָס ליידיקע פּאַפּיראָסן פּושקעלע מיט אַ זיפץ און עס צוריק אַריינ־געלייגט אין קעשענע . . . אָבער ווען די קרעמערקע האָט אים דערלאַנגט זיין „איינקויף״ האָבן זיינע אויגעלעך זיך צע־גלאַנצט און אַ צעפרידענער מיט זיין מציע אין גאַס אַרויס. . .

ס׳האָט זיך טאַקע פּונקט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגע־הויבן דער „עגעט״-סעזאָן, ווען איטלעכס פּיצל גריבל אַפ׳ן גאַס . . . צווישן אַ פּאָר שטיינער אָדער אַפ׳ן זייט-גאַנג (סייד־וואָק) ווערט אויסגענוצט פאַר דער „עגעט״-שפּיל . . . אַזאַ

גריבעלע הייסט אַ „גלאמי" און אַ גוטע „גלאמי" איז אַ האַל־בער געווינס...

ווייגדערקע איז אויך געווען צופרידן פון איינקויף, אָבער ער האָט פון קינע קוים אויסגעהאַלטן... יאַנקל, לויט דער נאַטור אַ גוטער, האָט עס באַמערקט און אים אויך איינגע־טיילט אַ פּאָר רווישערלעך אַ מאַטאַנע... זיי האָבן זיך גלייך אויסגעזוכט אַ „גלאמי" און געפּרוּאווט זייער מזל... יאַנקל האָט צו לאַנג ניט געקענט שפּילן, ער איז געווען אויפגערעגט און האָט געמוזט לויפן אַ היים דערציילן זיין מאַמען און זיינע שוועסטער וועגן זיין גרויסן גליק...

* * *

אַף מאָרגן, אין איבערייס צווישן די לימודים, האָבן שוין אַלע אינגלעך געוואוסט פון דער גרויסער פּאַסירונג און יע־דערער האָט זיך געסטאַרעט נייסע כיין זיין באַם „געווירר"... יאַנקל האָט גאָרניט געוואוסט ווי גרויס זיך צו האַלטן... זיינע נאָהענטסטע האָט ער אויסגעליען צו פּאָר „עגעטס" אַף „דערווייל" און מיט אַנדערע קינדער האָט ער געמאַכט אַזאַ מין אָפּמאַך:

ער גיט זיי „עגעטס"... זיי שפּילן, דער געווינס געהערט צו אים — יאַנקלען, דעם קאַפּיטאַליסט — און די שפּילער קריגן באַצאָלט פּאַר זייער אַרבעט — צוויי „עגעטס" פון יעדער צען געוואונענע...

יאַנקל, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער קאַליקע אין שפּילן און אַ קנאַפּער „טרעפער", האָט זיך צוגעקליבן די בעסטע שפּילער. זיין געשעפט איז אַוועק גוט... זיינע קע־שענעס זיינען אַנגעשטאָפּט געוואָרן מיט די „געוואונענע עגעטס" אַזש צעפּלאַצט צו ווערן... נאָר דאָ האָט עפּעס פּאַ־

סירט — אַ פּאָר טעג האָבן די „שפּילער" געהאָרעוועט ווי פערד, אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס, זיך אויסגעוואַלגערט אַף אַלע גאַסן, צווישן די מיסט-פּעסלעך און אָטאָמאָבילן, זוכנדיק וואָס מאַזעלדיקערע „גלאַמים", כּדי צו געווינען וואָס מערער „עגעטס" פאַר יאַנקעלען, דעם באַלעבאָס, און צום סאָף האָבן זיי זיך אַרומגעזען אַז זיי בלייבט קימאַט גאָרניט. ווען ס'קומט צום צאָלן געפינט שוין יאַנקל אַ טערעץ — די „עגעטס" זיינען אָנגעקלאַפּט, צעקראַצט, און דער סאָף איז אַ נישטיקע פינף-זעקס „עגעטס" פאַר אַ גאַנצן טאָג פּראַצע.

זיינען זיי געקומען צו יאַנקלען און אַזוי געזאָגט: ווילסטו גיין העלפּט אַף העלפּט איז גוט; אויב ניט, איז אויס... שפּיל אַליין. איז יאַנקלען ביטער געוואָרן אַפ'ן האַרצן... ס'איז גוט צו זאָגן, שפּיל אַליין... און קענען דאַרף מען ניט?... ערשט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו פילן דעם געשמאַק פון שאַרן „עגעטס" פון גאָרניט... זיינען זיי דאָ... אַזוינע אומדאַנקבאַרע... ווען ניט ער וואָלטן זיי דאָך אַפילע קיין איין „עגעט" ניט געהאַט! אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן קיין רייד. יאָסקע פיאָנערל, איינער פון די „אַרבעטער", האָט זיך דורכגעשמועסט מיט כעווורע און מען איז אַרויס אין סטרייק... קיינער טאָר פאַר יאַנקלען ניט אַרבעטן ביז ער גיט נאָך — העלט אַף העלפט... ווער ס'וועט ברעכן דאָס וואָרט וועט קריגן צעבראָכן די ביינער, אַז ער'ט שוין מער קיין „עגעטס" אַף זיין לעבן ניט שפּילן...

יאַנקלען האָט עס פאַרברענט ווי אַ פייער... ער דאַרף זיי אַף קאַפּאָרעס... ער גייט שוין אין דער צווייטער גאַס און ער'ט קריגן אַנדערע „שפּילער"... אַ גרויסע זאַך צו קריגן אַנדערע!

— „וועלן מיר זען — האָט יאַנקל געסטראַשעט — איר'ט זיך נאָך קומען בעטן באַ מיר...

יאָסקע און כעוורע האָבן זיך איבערגעקוקט וואויל-יונגעריש, אַריינגעלייגט די הענט אין די הייזן-קעשענעס, זיך צעלאַכט יאַנקלען אין פּאָנעם אַריין און זיינען אַוועק...

* * *

אַף מאָרגן איז אַף דער אַנדער געסל, וואו יאַנקל איז אַוועק זוכן „סקעבס" — סטרייק-ברעכער — פאָרגעקומען אַ ביטערער געשלעג. יאָסקע פּיאָנערל מיט די אַנדערע שפּילער און נאָך עטלעכע זייטיקע כאַוועריםהאָבן פאַרטריבן די סטרייק-ברעכער און זיי אָנגעזאָגט, זיי זאָלן זיך מער ניט דערוועגן אַרבעטן פאַר נישטיקע צוויי „עגעטס"... וואָס הייסט, האָרעווען אַ גאַנצן טאָג און אָפּגעבן די „עגעטס" דעם גייציקן יאַנקלען — דעם עקספּלואַטאַטאָר!...

די „סקעבס", כאָטש זיי זיינען געווען אינגערע, האָבן אָבער גלייך פאַרשטאַנען אַז יאָסקע-פּיאָנערל רעדט צו דער זאַך... טאַקע, פאַרוואָס האָרעווען פאַר יאַנקלען און אים ברייננגען די געווינסן... זאָל ער אַליין שפּילן, דער אויפטועער, און טאַקע ווייזן אַ קונץ און טרעפן אויך... זיי האָבן צוגעזאָגט צו פאָלגען יאָסקען מיט זיין כעוורע.

עטלעכע טעג האָט זיך יאַנקל עקספּלואַטאַטאָר ניט געוויזן אין גאַס... די כעוורע האָט געוואַרט אַף אַלע ראָגן צו היטן טאָמער נאַרט ער זיי אָפּ. ער איז געזעסן אין דער היים און ניט געקענט פאַרשטיין וואָס האָט זיך עפּעס פּלוצלינג אַלץ איבערגעקערט... ער אַליין מיינט ניט קיין שלעכטס... די כאַווײרים זיינען אים סאָנים... ער האָט געמיינט ער'ט זיין אַזוי גליקלעך, און צום סאָף... ער איז אַרויסגעקומען אין גאַס... אינגלעך שטייען גרייטע... מ'שושקעט זיך צווישן זיך... מ'רייצט זיך מיט אים... מ'וואַרפט אים אויף אַז ער איז אַליין אַ טויגעניכץ... מ'ווייזט אָן אַף זיינע אָנגעשטאָפּטע קעשענעס מיט פרעמדע „עגעטס" און מ'זאָגט

אים צו אַז לאַנג וועט ער זיי ניט האָבן . . . אַ פאַרשעמטער, אַ דערשלאָגענער, מיט אַ צעקלעמטן האַרצן גייט יאַנקל אַרום . . . איינזאַם, אומגליקלעך . . . אַפילו זיין פריינט, וויגדערקע, וויל מיט אים ניט ריידן . . . וויגדערקע וויל אים העלפן צו ווערן כאַווער מיט אַלעמען, אָבער ער ווייסט ניט ווי אַזוי . . . טאַקע, ווי קען ער גיין געגן דער כעוורע און ריידן מיט יאַנקעלע־עקספּלואַטאַטאָר ! . . .

טרערן, ווי באָב, דערשטיקטע איינגעהאַלטענע, קייקלען זיך איבער יאַנקלס באַקן. ער גייט צו צו וויגדערקען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פאַרטרויט אים אַ סאָד . . .ער האָט כאַראַטע אַף דער גאַנצער מייסע . . . אַלעוואַי וואָלט אים זיין מומע קיין קופּערלעך ניט געלאָזן . . . אַלעוואַי וואָלט ער עפּעס אַנדערש געקויפט . . . כ׳וויל זיין אין גוטן מיט אַלע־מען . . . „כ׳וויל”, זאָגט ער, „האָבן מיינע כאַווײרים זיך צו שפּילן . . . כ׳וועל טאָן וואָס זיי וועלן מיר הייסן . . . גיי זאָג יאָסקע־פּיאָנערל ער זאָל קומען . . . כ׳וויל אים עפּעס זאָגן. . .”

וויגדערקע איז אַוועק, צענויפגענומען די כעוורע און זיי דערציילט וועגן יאַנקלען. אסאַך האָבן ניט געוואָלט אַפילו הערן וועגן שאָלעם, נאָר יאָסקע האָט געזאָגט : גיין . . . איז מען אַוועק . . . כעוורע האָט זיך ווידער געוואָלט אַ נעם טאָן זיך רייצן מיט אים, אָבער יאַנקל האָט אַרויסגעכאַפּט די הויפנס „ענעטס” פון זיינע קעשענעס און האָט אויסגעשריען: „וואָס טויג מיר דער גאַנצער באַרג מיט גלעזלעך . . . איך וויל עס ניט . . . איך דאַרף עס האָבן אַף קאַפּאָרעס . . . איך וויל זיין אין גוטן מיט אַלעמען . . . נאַט אייך מיינע „ענעטס”, לערנט מיר אוים שפּילן . . . וועל איך זיין צעפרידן. . .

כעוורע האָט זיך דערשטוינט איבערגעקוקט איינס מיט׳ן אַנדערן . . .די טרערן וואָס האָבן זיך געקייקלט איבער יאַנקלס פּאַנים, האָבן זיי גערירט . . . זייערע אויגן האָבן זיך צע־

גלאנצט ווען זיי האָבן דערזען דעם גאַנצן באַרג „עגעטס״ וואָס יאַנקל האָט אַרויסגעשאָטן פון זיינע קעשענעס . . . זיי האָבן אַ קוק געטאָן אַף יאָסקע פּיאַנערל . . . וואָס וועט ער איצט טאָן? . . .

נאָר יאָסקע איז שוין געווען נעבן יאַנקלען; ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אַף יאַנקלס און אַ זאָג געטאָן צו אים:

— אָט דאָס איז גוט . . . ביסט אַ ספּאָרט. . .

— הורא . . . הורא . . . הורא — האָבן אַלע אין איין קאָל אויסגעשריען . . . אוים עקספּלואַטאַטאָר . . . געוואונען דעם סטרייק . . . הורא . . . הורא. . .

— און די „עגעטס״? — האָט אימיצער אַ פרעג געטאָן.

— צעטיילן צווישן זיך — האָט אַ צווייטער אויסגעשריען.

— ווארט אַ ווײַלע . . . קאָכט זיך נים — האָט יאָסקע פּיאַנערל געזאָגט — די „עגעטס״ זיינען אונזערע אַלעמענס, קלייבט אוים אַ קאָמיטע פון צוויי . . . זיי וועלן האַלטן די „עגעטס״ . . . ווער ס׳וועט וועלן שפּילן קריגט וויפל ער דאַרף, דערנאָך ברייננט ער צוריק דעם קערן און די געוואונענע. . .

— גוט . . . קלייבט אוים צוויי אינגלעך . . . אַלע סעזאָן אַנדערע צוויי. . .

כעוורע, זאָל יאָסקע און וויגדער האַלטן די „עגעטס״ — האָט זיך איינער אַרויסגעכאַפּט. אַלע האָבן איינגעשטימט... יאַנקל׳ס פּאָנים האָט ווידער געשיינט . . . זיינע כאַווירים האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אים . . . ער האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעליידיקט זיינע קעשענעס . . . זיי אויסגעדרייט אַף דער לינקער זייט . . . צו ווייזן אַז ער איז פּאַטער . . . די „עגעטס״ האָט מען אָפּגעציילט . . . יעדער איינער האָט געקראָגן זיין כיילעק צו שפּילן און מען האָט זיך זיגרייכע, צעפרידענע געלאָזט איבער דער גאַס זוכן מאַזלדיקע „גלאמים״ און געווינען וואָס מער פאַר דער גאַנצער כעוורע.

מײַן בוך

כ׳האָב אַ בוך מיט קלאָרע בלעטער
און עס הייסט מײַן אייגן לעבן,
טאַטע-מאַמע אין גרױס ליבשאַפט
האָבן מיר דאָס בוך געגעבן.

טאַטע-מאַמע זאָרגן שטענדיק
כ׳זאָל די בלעטער ניט באַשמוצן,
כ׳זאָל מיט שײנע גוטע טאַטן
יעדעס שורעלע באַפּוצן..

דאַנק איך זייער טאַטע-מאַמען,
היטן ס׳בוך איז מיר ניט שווער —
כ׳גיי מיט זיי אין קאַמף צוזאַמען
כ׳בין אַ יונגער פּיאָנער!

אין מײַן טייערער מאַטאָנע
וועל איך העלדישקייט פאַרשרײַבן,
ביז עס וועט קיין איינציק בלעטל
אין מײַן בוך ניט ליידיק בלײַבן.

ס'אַ טייערע וועלט...

מאַמע, זאָגסט ס'איז ניט שיין איצט די וועלט —
אָבער קוק אַף די קיעלעך דאָרט אַפ'ן פעלד;
זע נאָר די ברוינינקע, רויטינקע, ווייסינקע,
קוק אַף די קעלבעלעך, ביקעלעך גרויסינקע.

שפּרייזן — קיי, קיי,
מיט'ן ווײדל אַ דריי,
טרייבן פלינק אַפּ די פליג פונ'ם נאָז,
שפּרייזן, קייען דאָס זאַפטיקע גראָז!

זעסט פון ווייטנס דעם טונקעלן וואַלד,
יאַגדעלעך אַלערליי רייף ווערן באַלד,
וועלן דאָרט קינדערלעך קלייניקע, גרויסינקע,
אויסגעפּוצט זומערדיק, קליידעלעך ווייסינקע,
נישטערן, זוכן אַרום און אַרום,
קלייבן זיך יאַגדעלעך, צופּן אַ בלום.

און די פויגלען אין הימל?
און דאָס שמעקנדיק בלימל?
און די גרויסקייט, די ברייטקייט, די גרינקייט פון פעלד?
ניין, מאַמע ליבע, ס'איז אַ טייערע וועלט!



שטייט אַ פויגעלע אַ קליינס

שטייט אַ פויגעלע אַ קליינס
אויפ׳ן פרייען לופט־פּאַרט־פעלד,
קוקט און שטוינט איבער די וואונדער
אין דער גרויסער, פרעמדער וועלט:

„שווערע ברואים — שטאָל און אייזן —
מעסט זיך מיט פויגל־מין,
קרייזן, דרייען זיך אין לופטן,
פליען אום אַהער, אַהין?!

„און אַ לאַשן? — נאַר צום לאַכן!
ווער האָט ווען געהערט אַזוינס
פון דעם שטאַרקסטן בארגן־אָדלער,
ביז קאַנאַריקל דאָס קליינס...

„ווי אַ ווילדע, בייזע כאַיע
פון אַ טיפן, וויסטן וואַלד,
ברומט דער קלוימערשט אויך־מיר־פויגל,
קרעכצט און בלאָזט זיך... אַ גוואַלד!

אַ פּאָר פליגל און אַ שנאָבל ?!
כ׳בעט אייך, כ׳לעבן, וואָס איז דאָס ?
זינט ווען מוז אַ פויגל האָבן
מיט אַ רעדעלע אַ נאָז ?״

זי פאַרריכט איר פּיצל שנעבל
ס׳פעדער-קליידל אַרום זיך
און מיט כויזעק אין די אויגלעך
נעמט זי קונצן ווייזן גיך:

פלינק אַרויף און גלייך אַראָפּ,
טויכט אין לופטן מיט׳ן קאָפּ;
פליט אַוועק צום עק פון וועלט
און קומט ווידער אויפ׳ן פעלד...

נאָר ס׳פאַרזעעניש פון שטאָל
שטייט אין פעלד ווי אַלעמאָל;
זאָל זי טאָן זיך כאָטש אַ ריר,
כאָטש אַ קוק געבן אויף איר!

זי אַ פויגעלע אַ קליין
פליט וואוהין זי וויל אַליין;
און אָט דער... אַ... בעריע... זעט,
ניט פון אָרט... פונקט ווי אַ שטיין!

„אַזאַ גרויסער... דאַרף אַ ניאַנקע...
אָן אַ פליער איז ער אוים;
אָט-אָ, זעט, איך פלי אַרום
פון זינט איך בין פון איי אַרוים.

„כ׳לעבן, ס׳איז אַ גרויסע כוצפּע —
מעסטן זיך מיט פויגל-פאָלק;
אָבער גיי און זוך דאָ יוישער,
גיי דערגיי אין וועלט אַ טאָלק!

„ס׳איז אַ מאָדנע, מאָדנע וועלטל,
וואונדער מאָדנע דאָ פאַראַן,
און דער גרעסטער — שטאָלן-פויגל,
וואָס זיי רופן עראָפּלאַן!"

און אַזוי אַרום דעם לופט-פּאָרט
שטייט אַ פויגעלע פאַרטראַכט,
און זי פּישטשעט אויס איר טאַינע.
אין דער שטילער, שטומער נאַכט.

ס׳שיינט די זונעלע אין הימל

ס׳שיינט די זונעלע אין הימל,
ס׳שיינט מיין זונעלע אין הויז —
די ערשטע קען איך ניט דערגרייכן,
ס׳צווייטע האַלט איך אין מיין שויס.

מיט די קליינע הענטלעך־שטראַלן
גלעט איך, צערטל אים אַן שיר,
מיט די אויגעלעך, קלאָרע זונען
קוקט עס, שיינט און וואַרימט מיר.

כ׳האַלט מיין זונעלע און דריק עס
גלעט די רויטלעך־פּוכקע בעקלעך,
קוש די זיסע קאַרשן־ליפּלעך,
און איך פיל,
ווי ס׳הויכט מיין לעבן,
ס׳שמעקט מיט האָפנונג
און פרישקייט,
ווי דעם הימל׳ס שטראַלנד־רויטע,
אויסגערוטע מאָרגן־זון.

זאָג מיר...

זאָג מיר וואו נעמסטו
דיין לויטערן לאַכן,
וואָס קוועלט ווי אַ זילבער
פון גרונטלאָזן קוואַל?
זאָג מיר וואו שעפּסטו
די ווילדע האַנאָע
פון שטיפן און שטערן
און ברעכן אַן צאָל?

כ׳בעט דיר מיין קינד
(כ׳האָב זיך באַלד שוין פאַרגעסן)
לערן מיר קוועלן
פון גאַרניט און גאָר
זאָג אויס דעם סאָד
פון דיין פריידיקן שפּרודל,
וואָס צינדט אַן מיט פונקען
דיין פאַרבלאָזע וואר. . .



גוטער שלאָף

שלאָפן קינדערלעך, שלאָפן שטיפערלעך
אַ מעכאַיע;
אָנגעהוליעט זיך, אָנגעהאָרעוועט,
אָנגעשמאַיעט —
מיט דער לערערקע אין אַ פויגל-הויז
געווען,
שיינע פּאַוועס און קאַנאַריקלעך
געזען.
פון דעם ליים געקנאָטן
זעמעלעך מיט ברויט;
און אַ הויז פון קלעצעלעך פאַרבינקע
געבויט;
אַ קליין שיפעלע געמאַכט
פון רויט פּאַפּיר
מיט אַ פישער און מיט פישעלעך
אין איר.

זומער - רעגן

זומער-רעגן, זומער-רעגן
טרייבט מיט קינדערלעך אַ שפּאַס,
צוואָגט זיי אויס צעשוויצטע קעפּלעך
און פאַריאָגט זיי פון דער גאַס.

רעגן-קינדער — קלאָרע טראָפּנס —
יעדעס אַ קאָלירטע שיף,
פירן בונטע זונען-שטראַלן
אין דער ברייט און אין דער טיף.

קוקן יאַטלעך אויפן הימל
(וואונדער עפנט קלאָרע אויגן)
הענטלעך פּאַטשן, פיסלעך פליעסקען,
גריסנדיק דעם רעגנבויגן.

אין אַ דוגע פיל-קאָלירטע
איינגעשפּאַנטע וואָלקן-פערד,
רייסן זיך אַראָפּ פון הימל
גלייך צו אָפּגעפרישטער ערד...

זומער-רעגן ווערט אַ כאַווער
און ער טרייבט מיט יאַטלעך שפּאַס,
טאַנצן זיי אַ קינדער-פריילעכס
אין די לוזשקעס פון דער גאַס...

אַן אַרמיי פון זונען-שטראַלן
קומט גלייך אָן אין טראָפּן-שיפן
מיט די לאַכנדיקע קינדער
אין די לוזשקעלעך צו שטיפן...

פעלט שוין ניט קיין שפּאַס און טומל..
נאָר אַוואו איז זומער-רעגן?!
ס'הוליעט ווידער זון פאַרשייטע
איבער אויסגעצוואָגטע וועגן.

בײם טײך

הוידען זיך, הוידען זיך
כוואַליעס כוואַליעס באַזוניקטע
אין דעם צושמאָלצענעם שײַן,
וויגן זיך קאַטשקעלעך
שטיל אויפן וואַסערל —
ס׳דוכט זיך —
זײ דרעמלען באַלד אײַן.

גרין-גרויע קעפּעלעך,
לאַפּעטקעס שנאָבעלעך,
טויכן אין שנײ-ווײַסן שוים;
זונען-גאָלד, פעדער-גלאַנץ
מיניען אין וואַסער-טאַנץ
קאַטשקעלעך זעט מען שוין קוים.

גליטשט זיך אַ שיפעלע
בײַנעוודיק, בויגעוודיק,
לאַסטשעט דאָס וואַסערנע פעלד;
ס׳וויגט זיך אַ ליד
צווישן כוואַליעס און קאַטשקעלעך,
פרײדיק ווי זוניקע וועלט.



צו גאַסט אין דאָרף

זיינען קינדער שטאָטישע
צו גאַסט אין דאָרף געקומען,
האָבן זיי די דאָרפישע
מיט סימכע אויפגענומען.

און מיט שמייכלען אָפענע,
פרייע, ווי די פעלדער,
האָבן זיי אַלץ אויסדערציילט
מיט ליאַרעם און געפילדער.

„העי, וואָס מאַכן פערדעלעך
און קיעלעך, כאַזיירים,
הינער, הענער, קאַטשקעלעך —
די טייערע כאַווײרים?"

און אַט טאַקע אויפן אָרט
ווילט זיך אַלצדינג וויסן —
ווילט זיך קינדער שטאַטישע
פון דאָרפיש-פרייד געניסן.

שפּרינגען אום ווי האָזן לייכט,
נישטערן איבעראַל,
בלייבן ווי פאַרגאַפטע שטיין
ביים פריש-געבויטן שטאַל . . .

„ס'האָט אַ קעלבל שוין געהאַט
די יונגע קו, די רויטע,
און די שוואַרץ-באַשפּרינקלטע,
געבוירן האָט אַ צווייטע.

אָבער ברוינע קיעלע
געשיינקט האָט אונז אַ ביקל!
זעט! אָן דאָרט, אין ווינקעלע,
שפּרינגט ער אַפן שטריקל״...

רוקן זיך די קינדערלעך
אָנקוקן דעם וואונדער,
ציטערט פרייד אין הערצעלעך
ביי יעדערן באַזונדער.

שרעקט זיך יונגער ביקעלע,
דריגעט מיט די פיסלעך,
קוועלן אָן די קליינע געסט
און שרעקן זיך צוביסלעך...

נאָר דער קלענסטער בובעלע
לויפט וואו אויגן טראָגן:
„אוי, ער וועט מיך אויפעסן",
האַלט ער אין איין קלאָגן.

שפּאַסן קינדער דאָרפישע
נאָך מער מיט קעלבלעך קליינע,
צופּן זיי און גלעטן זיי
די פעלכעלעך די שיינע.

שפּעטער שפּרינגען אום די געסט
אַרום די בלומען-בייטן,
צו די אייפּעס, צו די פערד,
אין גאָרטן פריש-פּאַרזייטן...

„אָט דאָ וואַקסן רעטעכלעך
און דאָ דער צוקער-מערן,
און פון אָט די קערעלעך
וועט רויטער בוריק ווערן"...

קינע לויכט דורך אויגעלעך:
„מאָדנע, אַלצדינג וויים ער:
אַרום גאָרטן, פעלד און שטאַל,
פּונקט ווי גאָר אַ גרויסער!"...

אָטאָ שטייט ער גאָר אַצינד
ביי דער צוויג'ם קאַנורע
און פאַרטרויט זיי שטילערהייט
גאָר אַ גוטע בסורע:

„בילי איז שוין גרויס און פעט —
גייט אַ מאַמע ווערן;
זעט זי טראָגט די הינטלעך אום
אין איר לייב דעם שווערן"...

הערן אויס די געסט פון שטאָט
די דאָרפישע בייז-וואונדער
און זיי היטן יעדן טראָט
פון זון-געברוינטע קינדער.

זינגט און וויגט זיך דאָרפיש-רו
פון זילבער-קלאָרע קעלכלעך,
פון יאַטלעך דורכגעזוניקטע, —
פון ניט-געצאַמטע קוועלכלעך.

ווערט זיי אומעטיק און טריב,
ס'ווילט זיך פשוט וויינען —
פאַר וואָס?!... אַז אַלץ איז ליב
און פול מיט טויזנט כיינען!...

בונט - פּלאַטערל

אויפ'ן פעלד פון גרינעם סאַמעט,
אָפּגעזוימט מיט בערג פון שטיינער,
שפּילט זיך, שטיפט און שוועבט אין לופטן
אַ בונט-פּלאַטערל אַ קליינער.

זיינע פליגל גלאַנציק-געלע,
אויסגעצירט מיט סאַמעט-אויגן,
און זיין שוואַרצער, שלאַנקער קערפּער
אין דער לופטן אויסגעצויגן.

ס'איילט זיך פּלאַטערל צו שוועבן,
קורץ, ניט זיכער איז זיין לעבן,
פליט ער אום פון בלום צו בלאַט,
זויגט זיך אָן מיט זאַפט צו זאַט.

זוכט זיך אוים בונט-פּלאַטערל
אַ בלימל, אַ גרין בלעטל
פאַר די קינדער-פּלאַטערלעך
מאַכט ער גרייט אַ בעטל.

ליינט דאָרט ווייסע פּערעלעך —
אייעלעך אַנידער
עפנט אויף די פליגעלעך
שוועבט זיך זאָרגלאָז ווידער.

איבער סאַמעט-ווייכע פעלדער,
איבער הויכע סאָסנע וועלדער,
וואו אַ גרעזל, וואו אַ בלום,
פריילעך שטיפט ער אומעטום.



מיין ציגעלע, מיין גרויאינקע

ציגעלע, מיין גרויאינקע,
ביסט נאָך יונג און קליין —
קענסט ניט פריי אַרומלויפן,
ווייסט ניט וואו צו גיין!
קענסט אין וואַלד אַוועקלויפן,
וואו ס'לעבט רעב וואָלף אַליין,
וועט ער דיר נאָך אויפפרעסן
מיט זיינע שאַרפע ציין.

פֿאָלג מיר, גרויע ציגעלע,
ס׳איז בעסער אין דער היים —
וועסט לאַנג ניט שטיין דאָ צוגעבונדן
צו דעם אַלטן בוים.
דיין בערדל וואַקסט,
די הערנער אויך,
אָט ביסטו באַלד שוין גרויס,
וועסט קענען גוט זיך אָפּהיטן,
וועסט גיין אין פעלד אַרויס;
וועסט שפרינגען, צופּן גרעזעלעך,
צי קאָרע פון אַ בוים,
וועסט קומען אַ פאַרמאַטערטע
זיך אָפּרוען אַהיים.
און מאַמעס וועלן לידעלעך
דיר צווינגען ביים וויג,
פון דיר, מיין גוטער פריינטעלע
דער גרויסער, גרויסער ציג!

פּופּציק



אַ פערד האָט אויך בייבעלעך

אַ פערד האָט אויכעט בייבעלעך —
דו הערסט עס ס׳ערשטע מאָל ?
טו, קום אקאָרשט מיט מיר אַריין
אין גרויסן פערדנ-שטאָל.
דו זעסט דאָרטן אין ווינקעלע
שטייט עפּעס אויף דער ערד,
דאָס איז דער קליינער קיזשיקל —
דער זון פון מיסים פערד !

איין-און-פופציק

קום נענטער צו — ער טשעפּעט ניט —
פונקט ווי אַ קליין קינד
מ׳גיט אים זויגן מילכעלע
מ׳היט אים אָפּ פון ווינט.
געזונט מוז בייבי-קיזשיק זיין,
מ׳דאַרף אַ שטאַרקן פערד,
זאָל קענען פירן מילך אין שטאָט,
זאָל אַקערן די ערד.
באַטראַכט נאָר ס׳סאַמעט-פעלכעלע,
דעם שיינעם, לאַנגן קאָפּ,
די פיסלעך קליינע, דינינקע,
ס׳ווייַדעלע הייַנגט אַראָפּ!

וואָלסט וועלן אַזאַ פערדעלע?
פונקט צוגעפּאַסט פאַר דיר!
טו בעט דיין גוטע מאַמעלע,
זאָל ס׳אָפּקויפן בײַ מיר.



אַ מייסע מיט אַ מיידעלע

ס׳מיידעלע וויל אַ בלימעלע רייסן,
קומט די בין און וויל זי בייסן,
לויפט דאָס מיידעלע אין שרעק,
יאָגט די שלעכטע בין אַוועק...

„מיידעלע ליבע, מיידעלע טייער, —
זשומעט בין אַ סאָד אין אויער, —
ווילסטו מיין דופטיק בלימל רייסן,
זיי זשע גוט און לאָז זיך בייסן!"

„ניין, ניין, ניין! וועסט מיך נישט בייסן,
כ'וועל אַף פיצלעך דיך צעררייסן..."
זשום-זשום-זשום און אוי-אוי-אוי —
ס'טאַנצן בײדע אין געדריי...

בין האָט זיך אין האָר פאַרקליבן,
מיידעלע האָט די בין צעריבן...
שטייט דאָס בלימעלע באַשיידן,
שמייכלט קוקנדיק אַף ביידן:

„בין וועט מער מיין זאַפט ניט פרעסן,
מיידעלע וועט אָן מיר פאַרגעסן,
און איך וועל איצט לעבן, לעבן,
בליען אונטער זון..."



שעראָן*) — קאַטשקע - לאַנד

קאַטשקעלעך . . . קאַטשקעלעך . . .
הונדערטער, טויזנטער,
יונגע און עלטערע,
קלאָרע ווי שניי —
פול איז דאָס וועלדל
און פול זיינען לאַנקעס
מיט לויטערער ווייסקייט
וואָס שיינט אָפּ פון זיי.

---

*) „שעראָן דאַק פאַרם״ — די גרעסטע קאַטשקע-פאַרם אין ניו-ענגלאַנד.

שעראַן — גרין-זילבערנע
קאַטשקע - מדינע,
ציט זיך אויף מיילן
אין לײנג און אין ברייט —
קאַטשקעס געבראַטענע,
קאַטשקעס געזאָטענע,
זיינען אין קרעטשמעס
צו יעדער צייט גרייט.

שווימען זיך קאַטשקעלעך,
שנייאיקע שיפעלעך —
באָדן זיך, שפּילן
אין זוניקן זאַמד,
גאָגען און טומלען
טומלען און גאָגען
ס'איז זאַט און ס'איז פריילעך
אין קאַטשקענעם לאַנד...

גרויס די מישפּאָכע —
נאָר קען דען ווער ציילן
די וואַנדערער קאַטשקעס
צעזייט איבער מיילן?
קען דען ווער וויסן,
אין קאַטשקע-לאַנד העלן,
וויפיל עס בלייבען
און וויפיל עס פעלען...

דורך פינצטער פון נאַכט
שלייכט פיקסל און טכוירל
און טראָגן זיי אונטער
אַ ביטערן טויט.
בייטאָג שטאָפּט און כאָוועט זיי
גווירעשער פּאַרמער
און מאַכט פאַר גווירישע טישן
זיי גרייט.

שטיקט מען אין הונדערטער
קוילעט מען טויזנטער,
שעראָן — דאָס קאַטשקע לאַנד
בלייבט שטענדיק שטיל!
עסן צו זאַט
און אַ שטעלכל צום שלאָפן —
ווייסט דען אַ קאַטשקעלע
מער וואָס זי וויל?...



ווייסן ניט קאַטשקעלעך,
קלערן ניט קאַטשקעלעך,
גאַגעץ און טומלען זיי
יעדער פאַר זיך.
וואַקסן זיי גיכער
און פעטער, און שענער,
ווערט פאַר זיי נענטער
דער וועג צו דער קיך...

וואַנדערן קאַטשקעלעך,
קלאַרינקע אומשולדן,
גאַגענדיק פריילעך
אַנטקעגן דעם טויט —
גלויבן נאַאיווע
דעם גווירישן פאַרמער,
וואָס מאַכט פאַר געבראָטנס
אין קרעטשמעס זיי גרייט...



אבט-און-פופציק

קינדער - קעמפ

(פיאָנערן אַ מאַטאָנע)

באַ דעם טייכל, צווישן סאָסנעס,
צווישן ברעזעס שטאָלץ און ווייס
זיצן קליינע קעמפער-הייזלעך
אין דעם בערגל׳ס גרינעם שויס.

גלעט זיי זון פון אַלע זייטן,
וואַלד באַהויכט מיט סאָסנע דופט,
ווינטלעך שטיפן דורך די בוימער,
שעפטשן סוידעס אין דער לופט:

„וואונדער, וואונדער קינדער - הייזלעך
אין אַ יאַם פון פרישן גרין,
ס׳שטראָמט פון זיי מיט קאָכיק לעבן,
ס׳שטראַלט פון זיי אַ נייער זין...״

נעמט אויף דורשטיק ווינטל׳ס סוידעס
יעדעס אָרים אַרבעטס - קינד,
און ווערט טייקעף כוואַר - ברודער
מיט דער זון און מיט׳ן ווינט.

און עס טראָגט זיך הויך און העכער
פרייער פיאָנער - געזאַנג
איבער בערגל, צווישן סאָסנעס,
צווישן בערעזעלעך ווייס און שלאַנק.

כאַפּט דער עכאָ אויף די קלאַנגען
און צעזייט זיי ווייט און ברייט,
און דערמוטיקט און פאַרקינדיקט:
„פיאָנערן זיינען גרייט!״



אַ מייסע מיט פיש

קינדערלעך זעצט זיך
אַט דאָ אַרום טיש
איך וועל אייך דערציילן
אַ מייסע פון פיש:
געשען איז עס איינמאָל
אַ זומער-פאַרנאַכט,
געשפּילט האָבן פישלעך,
ווי קינדער געלאַכט,
די גאָר קליינע פּיצעלעך —



פאַרוויגט האָבן מאַמעס
שלינג, שלינג און שלאַנג —
מיט שטומען געזאַנג;
אויף כוואַליעס — אויף וויגן
מיט קרויזן באַצירט
פון ליכטיקע שוימען
מיט זונען קאָלירט.
געשטיפט האָבן זיי
אין וואַסערן קיל,
און זאָרגלאָז — פאַרשייט
איז געווען זייער שפּיל.
געטויכט האָבן פישלעך,
מיט זון זיך געכיינט,
מיט גרין-בלויע רוקנס
דאָס וואַסער באַשיינט.
זיי האָבן פון עסן
גאָר ניט געטראַכט,
ווייל געוועזן איז עס דאָך
אין אַ זומער-פאַרנאַכט. . .
נאָר פּלוצלונג באַמערקט
האָבן פישלעך ביים גרונט
עס שווימט זיך אַ וואָרים —
פעט און געזונט! . . .
ס'האָט רינען גענומען
פון פישעלעכס מויל



און ס'האָט זיך די כעוורע —
אַ לעבעדיק קנויל —
געלאָזט צו דעם פעטינקן ביסן
פאַרן שלאָף כאַטש
אַ צוביים געניסן...
אוים מיטן שטיפן
און אוים מיטן שפּילן,
אוים מיט דער כאַווערשאַפט,
ברודער געפילן;
ס'האָט איינע די צווייטע
מיט ריגזע געביסן,
קעדיי צו פאַרכאַפּן
דעם טייערן ביסן...
און אויבן אין שיפל
איז אַ שיפער געזעסן
און אַלץ אין דער וועלט
האָט ער איצטער פאַרגעסן —
אין האַנט האָט די ווענטקע
אַ ציטער געטאָן,
אין האַרץ האָט אַ פרייד
זיך אַ צאַפּל געטאָן —
אַ פישל מיט בלוטיק-פאַרגלאָסענע אויגן
האָט פישער פון באַרויגעזע כוואַליעס געצויגן...
געגויסעסט פאַמעלעך
האָט איטלעכער אייוועד
פון אָרימען פישל
אין שיפל — אין קייווער...
ווען פישער צעפייפט האָט

דריי-און-זעכציק

זיין זיג-ניגון שטיל
אין ראָזיקער ווייט,
איבער וואַסערן קיל.
אַזוי האָט געקלונגען
דעם פישערמאַנס ליד
און ס'איז ניט געוואָרן
די האַנט זיינע מיד.

קעמפ - פייער

מאַכט אַ פייער! מאַכט אַ פייער!
רויט זאָל לויכטן אונזער קעמפ...
שפּייזט דעם פלאַם מיט דאַרע צווייגן
מיט אַ שלאָגלערישן טעמפּ!

ווער אַ שפּענדל, ווער אַ צווייגל,
ווער אַ גאַנצן, טויטן שטאַם...
יעדער זאָל זיין כיילעק האָבן
אין דעם גרויסן, רויטן פלאַם...

נענטער, נענטער אַרום פייער
(ווייטע זעען בלויז דעם רויך),
זאָל אַף מיילן זיך צעבליען
אונזער פאַקל אינדערהויך...

דאָס הינקענדיקע טייבעלע

דער גרויסער „קאָמאָן"-פּארק האָט זיך ווייט און ברייט אויסגעשפּרייט אין רעכטע מיטן שטאָט. זאָל עס שווימלען און גריבלען אין דערבייאיקע רוישיקע גאַסן, זאָלן מענטשן ווי די מוראַשקעס אין אַ צעשטערטן מוראַשניק זיך איילן און יאָגן, לויפן און זוכן; דאָ אין פּאַרק איז רואיק, שטיל און נעשאָמעדיק.

די אַלטע בלעטער-ביימער שטייען נאָך אַפּילע אין פולן גרין, אָבער וואו ניט וואו זעט מען שוין געלבלעכע בלעטער און ס׳הערט זיך אַביסל הייזעריקער שורשן, ווי זיי וואָלטן צו זיך אַליין שעפּטשען: „שוין באַלד, שוין באַלד איז אונזער סאָף!" דאָ און דאָרט שפּרינגען זשוואָוע וועווערקעס אַרום, שטעלן זיך אָף זייערע הינטערשטע לאַפּקעס, אָפּן ווייכן ווײדל ווי אָף אַ קישעלע אַנגעליינט און הערן זיך צו, קוקן זיך צו צו די הונדערטער לײדיקגייער, וואָס זיצן אָף די ביינק. די וועווערקעס וואַרטן אָף אַ רוף — וואַרטן אָף אַ וואונק קעדיי צו קריגן עפּעס אַ בים, אַ נאַש. . .

טייבעלעך, יונגע און אַלטע, גאַנצע טשאַטעס, זיצן אַרום און אַרום אָף די ביימער און אָפּן גראָז און קוקן נייגעריק יעדן מענטשן אין פּאָנים אַריין און וואָרקען און בעטן עפּעס קייען . . . קייען. . .

און די מענטשן אין פּאַרק, דאָס ראָוו אַרבעטער, — קליידער אָרימע, פּענעמער אויסגעמאַטערטע, ווער עס קייט עפּעס, ווער עס קוקט אין אַ ציימונג אַריין, כאַפּן פון צייט צו צייט אַ ליבלעכן קוק אָף די שטיפעריש וועווערקעס, אָף די וואָרקענדיקע טייבעלעך און די קנייטשן אָף די פאַרהאַרטעוועטע פּענעמער צעגלעטן זיך אָף אַ ווייל און דאָס האַרץ

ווערט פול מיט ליבע צו די קליינינקע באַשעפענישן און ס׳גלוסט זיך מיט זיי דאָס ביסן פון מויל טיילן.

באַלד דערהערט זיך אַ קוויטשענדיקער קאָלכעל פון אַ קליין אינגעלע — „פינאַטס, פינאַטס, פינף סענט!״ — און ווער עס האָט נאָר אַן איבעריקן ניקל קויפט עס און נעמט זיך עס צוווישן די הונגעריקע טייבעלעך פאַנאַנדערטיילן. דערזעען די טייבעלעך אַן אויפגעהויבענע האַנט, וואָס האַלט אַ ניסל צום וואַרפן, זיינען זיי גלייך דאָ, באַפאַלן דעם מענטשן פון אַלע זייטן, זעצן זיך אויף זיין קאָפּ, זיינע אַקסלען, זיינע הענט, זיינע קני און פיקן די ניסלעך קונציק אַרויס, קוים וואָס מ׳באַמערקט עס.

די יונגע און געזונטע פאַרשטויסן די עלטערע, שוואַכערע, ווערן דרייסט און כוצפּעדיק און טרעטן ניט אָפּ ביז דער לעצטער ניסל איז באַ זיי.

איז איינמאָל טשאַרלי, וואָס האָט זיך פון דער מילכאָמע אַ הילצערנעם פוס מיטגעבראַכט, אין דעם „קאָמאָן״ פּאַרק געזעסן פאַרטראַכט און פאַרזאָרגט — שוין אַ צייט, אַ לאַנגע צייט ווי ער זוכט אַרום עפּעס אַרבעט און קריגט ניט: קיינער וויל ניט קיין מענטשן מיט אַ הילצערנע פוס. גייט ער טאָג איין, טאָג אויס און זוכט און פרעגט זיך נאָך און אַז ער ווערט שוין גאָר פאַרמאַטערט, קומט ער זיך אָפּרוען אין פּאַרק אונטער אַ בוים.

זיצט אַזוי טשאַרלי און קוקט אָף אַן עלטערן מאַן וואָס זיצט אַנטקעגן אָף אַ באַנק און שמועסט מיט זיינע געפליגלטע פריינט, די טייבעלעך. דער אַלטער מאַכט מיט זיי שפּאַס און לאָזט זיי ניסלעך פּיקן באַ זיך פון צונג.

זעט טשאַרלי ווי איין טייבעלע שטייט פון דערווייטן אַ דערשלאָגענע, אומעטיקע . . . יעדעס מאָל ווען זי דערלאַנגט זיך מיט מי אַ הויב אויף און וויל זיך צורוקן צום אַלטן, קדעי

אַ כאַפּ צו טאָן אַ ניסל, ווערט זי אָפּגעשטויסן פון די כוצפּע־ניקעס און מוז זיך ווידער אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און וואַרטן אַף אַן אַנדער געלעגנהייט. זעט ער ווי דאָס טייבעלע מאַטערט זיך איינשטיין און קען ניט. רוקט ער זיך שוין נענטער צו און באַמערקט אַז איין פיסעלע איז באַ איר אָפּ־געהאַקט און זי מאַטערט עס זיך איינצוהאַלטן איר קערפּערל אויף דער אַנדער פיסל. טוט טשאַרלי אַ קוק אַף זיין הילצער־נעם פוס, וואָס ליגט אָנגעשפּאַרט אַפּ׳ן באַנק און אין זיין האַרצן גייט עפּעס אויף אַ גרויסע, גרויסע וואַרימקייט . . . אַ הייסע נאָנטקייט און מיטגעפיל צו דער אומגליקלעכער טייבעלע: שאַרט ער אין זיינע קעשענעס, זוכט אין זיין טייסטער און ענדלעך געפינט ער עפּעס קליינגעלט. „אַ, זאָל זי כאַטש, די אומגליקלעכע, ניט אוועקפליען״, טראַכט ער, הויבט זיך שווער אויף פון אָרט, שפּאַרט זיך אָן אַף זיין האָלץ-פוס און לאָזט זיך זוכן דעם „פינאַטס-אינגל״.

באַלד איז טשאַרלי שוין ווידער אַף זיין אָרט מיט אַ זע־קעלע אין האַנד. ער קוקט זיך אומגעדולדיק אַרום, נעמט אַרויס עטלעכע ניסלעך און דערלאַנג אַ וואָרף. ס׳באַפאַלט אים אַ גאַנצע מאַכנע טויבן, אָבער זיינע אויגן זוכן דאָס נאָנטע, טייער-געוואָרענע אומגליקס-כאַווערטע . . . און אָט איז זי — הינטער זיין פּלייצע, אַפּ׳ן ראַנד פון באַנק האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט און קוים, קוים וואָס זי האַלט איין איר קליינעם קערפּערל אַף איר איין-און-איינציקן רויטן פיסעלע.

אַ צאַרטער שמייכעלע פאַרשפּרייט זיך איבער טשאַרלי׳ס געזיכט, ער ציט זיין האַנט פול ניסלעך צו איר אויס און מיט דער אַנדערער צעטרייבט ער די כוצפּעניצעס — די געזונטע אָנגעפרעסענע טייבעלעך — פון זיך.

אַלע ווילע איז דאָס טייבעלע אַראָפּ און אַרויפגעפלויגן, וויל צו לאַנג האָט זי אויף איר פיסעלע ניט געקענט איינ־

שטיין. אַלע ווײַלע האָט איר טשאַרלי ניסעלעך געגעבן און צו איר צאַרט, וואַרימע טרייסט־ווערטער גערעדט, ביז דאָס טײַבעלע איז זאַט געוואָרן און האָט זיך אַ דאַנקבאַרע און צעפרידענע אויף זײַנע קני אַראָפּגעלאָזט. . .

ער האָט גאָרניט באַמערקט ווי די זון האָט זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן הינטער די הויכע שטאָטישע געבײַדעס; ער האָט גאָרניט געפילט, אַז ס׳איז שוין אַזאַ לאַנגע, לאַנגע צײַט אַריבער — ער האָט זיך פאַרזיכטיק אויפגעהויבן, אַראָפּגע־שטעלט דאָס טײַבעלע אַפ׳ן גראָז און איר צוזאָגנדיק ווײַטער צו קומען איז ער פאַמעלעך אוועקגעגאַנגען צוקלאַפּנדיק צום טריט מיט זײַן שווערן הילצערנעם פוס. . .

דאָס אָרימע געסל

ווי אַ מיסט-קאַסטן דאָס געסל,
אָרימקייט און פעסלעך שמוץ;
לויכטנדיקע קינדער-צורקעס
איז דעם געסל׳ס איינציג פּוץ.

צווישן אָפּפאַל, וואָכן-אַלטן,
צווישן רעדער און מאַשינען
שפּראָצן קינדערלעך ווי בלימלעך, —
זונען-ליכט אַ פּאָס געפינען.

שפּילכלעך פישן זיי מיט הענטלעך
אין דעם קויטיק אָפּפאַל-פעסל,
יעדער פאַנג איז גליק אין אויגן,
יעדער קלאַנג פאַרהילכט דאָס געסל...

שמאַטע-ליאַלקע, נאַס און ברודיק,
בלעכן הינטל — פיס צעדרייטע —
אַלץ איז בעסער דאָך ווי גאָרניט,
פאַר די יאַטעלעך פאַרשייטע.

שפּילט מען זיך אין „טאַטע-מאַמע",
טראָגט זיך ביטער אַ געוויין...
„טאַטע-מאַמע" זוכן אַרבעט,
ליאַלקע איז אין הויז אַליין...

בייז, אָן אַרבעט און אָן עסן,
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ...
שרייט די מאַמע אויף דער ליאַלקע,
שפּייזט דער טאַטע זי מיט קלעפּ...

אין שטאָט - גאָרטן

גרינע בלעטלעך אַף די בוימער,
בונטע טולפּעס אַף די בייטן,
קליינע קינדערלעך, ווי בינען,
שפּילן זיך אַרום די קווייטן.

אין דער מיט פון שיינעם טייכל
איז אַן אינזעלע פאַראַנען,
אַרום אים ווי לייכטע שיפלעך
וויגן זיך די שטאָלצע שוואַנען.

ציען זיך צו זיי די צווייגלעך
פון די יונגע ווערבע-בוימער
לאַדט זיי איין דער ווייכער ניי-גראָז,
צווישן שיין - צעלייגטע שטיינער.

יונגע קאַטשקעלעך און שוואַנען
וועטן צווישן זיך אין שטיף,
און מיט גראַציעזע העלדזעלעך
טוכן זיי אין טייכל'ס טיף.

כוואַליעט זיך דאָס קלאָרע וואַסער,
[illegible] נעט [illegible]ך מיט טויזנט זונען,
ווערן א[illegible] קאַטשקעס, שוואַנען
[illegible] נעץ איינגעשפּונען...

לידעלעך און הילכיק לאַכן
קלינגט פון דאָ און הילכט פון דאָרטן —
ס'זיינען דאָ צוגאַסט געקומען
בלימעלעך פון קינדער גאָרטן:

בונטע ווי די שיינע טולפּעס —
ווייס און ברוין, און געל און רויט,
און מען קען שוין קוים דערקענען
וואו איז קינד און וואו איז קווייט.

נעמען טולפּעלעך קאָלירטע
שושקען זיך, מיט קעפּלעך נויגן,
און עס גריסן קינדער-בלימלעך
סאַמעטענע „כאַנעס אויגן".

די פאַרשעמטע זון

געסל שמאָל און בלאָטיק
ביינקט נאָך זונען-שיין,
זעלטן ווען אַ שטראַלכל
בלאָנדזשעט דאָ אַריין.

קליינוואַרג שפּילט זיך, הוליעט
באַקט פון בלאָטע ברויט,
ווערט דאָס גרויע געסל
אויסקאָלירט מיט פרייד.

גאַסן זון-פאַרפלייצטע,
ראַכוועסדיק און ברייט;
ביינקען, מידע שטומע
נאָך דער קינדער-פרייד.

קלאַפּט די זון אין לאָדנס,
רייסט זיך דורך גאַרדינען,
נעמט דורך גרינע קרוינען,
גאָלד אוזאָרן שפּינען.

נאָר זי ביינקט נאָך קינדער
פון די גאַסן איינגע,
וואָס כאַפּן יעדן שטראַלכל
ווי אַ גאָלדן סטייגגע.

ווערט זי רויט פון בושע,
כמורעט איר געזיכט:
„זיי מיר מוחל, געסל,
דיר געהערט מיין ליכט!"

די פֿאַרשעמטע זון

ברידער פון שטעט און פון דערפער *

ברידער פון שטעט און פון דערפער,
מינען, פאַבריקן און פעלד!
לאָמיר מיט בעזים און שופלען
ראמען דעם שימל פון וועלט.

ס'טרייבט אונדז דער הונגער צוזאַמען,
ס'ברידערט אונדז אַלע די נויט,
ס'לעבן — עס שטאָלט אונדזער ווילן
צו קעמפן אַף לעבן און טויט.

מיר קריכן אין מינען ווי ווערים,
מיר שפּרייטן אוים ליכט איבעראַל,
מיר גראָבן פון ערד די געדערים
און שאַפן זיך פויגלען פון שטאָל.

ברידער פון שטעט און פון דערפער,
פון מינען, פאַבריקן און פעלד!
קיינער וועט אונדז ניט באַזיגן,
מיר זיינען דאָס האַרץ פון דער וועלט.

מיר זיינען די ערדישע געטער,
מיר שאַפן מיט האַמער און פּיק,
מיר צירן מיט בלומען די וועגן
פאַר צוקונפט פון אַרבעט און גליק.

---

* מוזיק פון מ. העלפמאַן.

סאַקאָ און וואַנזעטי

עס צאַפּלען זיך הערצער,
עס אָטעמט זיך שווער...
סאַקאָ... וואַנזעטי...
עלעקטרישער טשער...
רעגעס ווי יאָרן... דער ווייזער ווי בליי —
„זיי טאָרן ניט שטאַרבן... זיי מוזן זיין פריי!"

טשאַרלסטאָון... טויזנטער, יונג און אַלט...
ס'פיבערט... דאָס בלוט ווערט אין אָדערן קאַלט...
אויף יענער זייט גראַטעס, אין קאַמער פון טויט,
מאַכט מען דעם „שטול" פאַר כאַווירים צוויי גרייט...

עס ציען זיך דראָענדע אַרבעטער הענט,
עס דוכט זיך עס קראַכן די טורמישע ווענט...
אין סטייט-הויז זיצט פולער, צעיושעט פון האַס,
געדונגענער טאַליען פון בלוטיקן קלאַס...

סאַקאָ... וואַנזעטי... אַ צווילינג אין מוט —
אַרבעטער-פלייש און אַרבעטער-בלוט,
ס'רופט זייער נאָמען ווי גלאָק איבער וועלט:
„קלאַסן-מאָרד ווערן זאָל גלייך אָפּגעשטעלט!"

„קלאַסן-געמעסט, קלאַסן-געפעכט —
אַרבעטער טאָרן ניט בלייבן גערעכט!"

דער זייגער שלאָגט צוועלף... עלעקטרישער שטראָם
רייסט זיך דורך לייבער פון מאַכנע אין גאַס . . .
צוויי נאָנטע פאַרברענט . . . אַ צווייפאַכער מאָרד
אויף דעם מיזבייאַך פון הערשנדן קלאַס...

עס רירט ניט קיין אייווער, ווי געשמידטע צום אָרט...
דערשטיקט איז געבליבען אויף ליפּן דאָס וואָרט;
די בראַנד-וואונד פון סאַקאָ-וואַנזעטי איז ניי,
עס צינדט אָן דאָס בלוט ווי מיט זודיקן בליי...

זיי זיינען ניטאָ מער ?! ... דער קלאַס איז פאַראַן —
ס'וועט קיינער ניט צאַמען זיין פלאַמיקן שפּאַן —
און יעדערער שווערט מיט געקריץ פון די ציין,
אין וועגן פון סאַקאָ-וואַנזעטי צו גיין...

* * *

סאַקאָ-וואַנזעטי אין טרונעס מיט רויטן,
הונדערטער קראַנצן פון אַרבעטער-פריינט:
נעכטן איז פולער געוועזן זייער הערשער,
זיי זיינען די הערשער אויף גאַסן דאָ היינט!

טויטע באַווירים — ליכטיקע שטערן —
רויטער און דראָענדער ווערט אונזער פאָן,
ס'ווערגן זיך געסלעך און ס'ברעכן זיך גאַסן —
עס רוקט זיך אַ מאַכנע — אַ האַלבער מיליאָן!

זיבן-און-זיבעציק

אַ האַלבער מיליאָן איז געקומען באַגלייטן
די מוטיקע פירער אויף לעצטן עטאַפּ,
ער וועט שוין דערגענצן די יאָרן פאַרקירצטע
און געבן דעם סוינע אַ טויטלעכן קלאַפּ!

עס רוקן זיך רייען ווי שטורמישע וואָלקנס
עס בויגט זיך פון סטייט-הויז דער גאָלדענער קאָפּ,
ער ווייס אַז אַ דיינקמאָל פאַר סאַקאָ-וואַנזעטי
וועט שמייכלען אינגיכן צו אונז דאָ אַראָפּ!



סטרייק

(די מוטיקע באָסטאָנער דרעס-סטרייקערס אַ מאַטאָנע)

סטרייק אין לופט, סטרייק אין שאַפּ,
פּיקעטס טיילן קלאַפּ פאַר קלאַפּ;
ווי צום סקעב אין פּיקעט'ס האַנד —
סיי אַ וויטיק, סיי אַ שאַנד!

טויט אין שאַפּ — קיין פּיפּס, קיין זשום —
שער, מאַשין פאַרטאַיעט שטום...
ליגן קליידער, ניט דערגייט —
סטרייק פאַר רעכט און ברויט!

באַלעבאַטים סקריטשען ציין —
ס'וויל מאַשין אַליין ניט גיין.
שמייכלט נאָדל, ווינקט די שער —
„איצט דינען מיר ניט מער!"

פּיקעטס זינגען, מענטשן קוועלן,
סטרייקערס גיבן אויס באַפעלן.
פאַלט אַ קאָרבן — שטייגן מאַסן,
סטרייקערס נעמען איין די גאַסן!

שאַפּ-אַרמיי, סטרייק רעקרוט,
שטעמפּלט זיך מיט אייגן בלוט!
סטרייק אין שאַפּ, קעמף אין גאַס,
פאַר דיין יוניאָן, פאַר דיין קלאַס!

דער אַרבעטער - צענטער

דער צענטער — אַ ליבלעכע אַרבעטער - היים —
מיט מוטיקע גרוסן אויף ווענט,
אַ שול און אַן אָפּרו פאַר גרויס און פאַר קליין
פון פינצטערן, גרויען וועסט - ענד . . .

פון הייזער, ווי זקיינים, פאַרלאָזן און וויסט,
אין געסלעך צוזאַמענגעשפּאַרט,
פון הויפן מיט רייכעס פון אָפּפאַל און מיסט,
מען קומט דאָ נאָך ווארימען וואָרט!

פאַרברידערט ווי צווייגן פון זעלביקן בוים
און איינער דעם צווייטן האָט האָלט,
אַז צענטער איז ליבער ווי אייגענע היים,
האָלט מען אים ציכטיק ווי גאָלד.

ברייינגט מען אַהין די זאָרג און די פרייד,
ווערט גרינגער אַף פלייצעס דער אַל,
איינער דעם צווייטן איז העלפן דאָ גרייט —
עס גלעט אַזוי ליב יעדער קאָל.

דער צענטער — אַ פעלד, וואו מען אַקערט און זייט,
אַ באָדן פאַר קויכעס און הענט,
אַרבעטער ווערן צום קאַמף צוגעגרייט,
פאַר נייעס, באַפרייטן וועסט - ענד!

אבציק

לעניג'ס קערנער

צו א שליאך א ברייטן,
צו א ליכטיקן וועג,
האט דערפירט אונדז לענין
און פון אונדז אוועק...

מיט א וויי אין הארצן
האט מען אים באגלייט
און געשוואָרן שניידן,
וואס ער האט פארזייט.

האבן שטערן רויטע
העלער זיך צעשיינט,
און א שרעק צעווארפן
אויף סאָוועטן־פיינט...

האט זיך לענינ'ס גלויבן,
ווי א פלאם פארשפרייט
און פארהילכט האט סקווערן:
„שטענדיק, שטענדיק גרייט!"...

דזשערי

צום אייז-קרים שטיבל, וואָס געפינט זיך אינמיטן פּאַרק, און ווינקט און רופט די פאַרבייגייער מיט די פאַרביקע ליכטן און דעקאָראַציעס, איז צוגעקומען אַן עלעגאַנטער פיין-געקליידעטער יונגערמאַן. אויף אַ שיין-באַזילבערטן לעדערנעם פּאַסיק האָט ער געפירט אַ ווייסן הונט.

אזאַ גייוועדיק-הינטישע האַלטונג! זיין עלאַסטיש פּע-טער קערפּער געכאַליעט און געפּוצט, די פעל גלאַט-גלאַנציק, ווי גוטער סאַמעט, און די אויגן אַזוינע פריילעך-לויכטנדיקע, ווי פון אַ שטיפעריש קינד, וואָס פעלט ניט פון קיין פויגל-מילך.

— דזשערי, טייערער, — ווענדט זיך צו אים דער יונגער-מאַן מיט אַ פאַטערלעכן שמייכעלע, — גיי, שפּיל זיך אַ ווײַלע, איך וועל דיר באַלד עפּעס גוטס ברענגען!

דזשערי פאַרקוקט מיט זיינע קלוגע הינטישע אויגן דעם באַלעבאָס אין פּאָנים אַריין און אַ צעפרידענער לויפט ער אַוועק, דרייענדיק זיין קורצן אַרומגעשניטענעם עק.

* * *

צוויי ברידערלעך אין האַלב צעפליקטע אָוועראָלס מיט צעשויבערטע, פאַרשטויבטע קעפּלעך און פאַרשמירטע צור-קעס שפּילן זיך אַרום אייז-קרים שטיבל. יעדן טאָג, נאָך דער שול, קומען זיי אַהער און וואַרטן ביז פינף דעם זייגער. דאַ-מאָלסט קומט זייער מאַמע פון דער אַרבעט. זי גיט זיי

צייטנווייז צו סענט און נעמט זיי מיט זיך אַהיים עפּעס אָפּ-עסן.

זיצן זיי זיך אַזוי פויל, פאַרשמאַכט פון לאַנגע וואַר-טעניש און מיט זשעדנע אויגעלעך, מיט פאַרבאַהאַלטענער אינסטיקטיווער סינע באַגלייטן זיי יעדן גליקלעכן, וואָס באַ-ווייזט זיך אין טיר מיט עפּעס גוטס אין האַנט: ס׳וואָסערן זיך זייערע מיילכלעך — אַי וואָלט זיך זיי וועלן אַריינגיין אין שטיבל איינקויפן עפּעס! אָבער פאַר קיין סענט קריגט מען סיי-ווי-סיי גאָר ניט. שפּילן זיי זיך באַם טיר מיט קאָלירטע פּאַפּירלעך, סיגאַרעטן פּושקעס, און דאָס גלייכן.

פּלוצלונג דערפילט יאָסקע, דער עלטערער אינגל, אַ לעק אין סאַמע קאַרק. ער שפּרינגט אויף דערשראָקן: זיין ברו-דער דאָווידל נאָך אים. אָבער באַלד צעקלינגט זיך זייער ליכטיקער געלעכטער:

— כאַ-כאַ-כאַ, דער הונט האָט דיך אַ קוש געטאָן! — און דאָווידקע טאַנצט און קאַטשעט זיך פון סימכע. ער פּרובירט גלייך פאַרפירן אַ כאַווערשן שמועס מיטן הונט, נאָר דער אַריסטאָקראַט באַשמעקט אים פון אַלע זייטן און דרייט זיך אָפּ — ס׳שטייט אים אַפּאָנים ניט אָן!

— אָ, טייוול, — שרייט אויס יאָסקע מייסע עלטערער, — לאָז נאָר מיך, צו מיר וועט ער שוין גיין! — און ער פאַרנעמט זיך שוין איינצוטיינען מיטן הונט, רופנדיק אים דערביי מיט די צאַרטסטע נעמען.

אין טיר באַווייזט זיך דער יונגערמאַן מיט אַן אייז-קרים „קאָן” אין האַנט. מיט פאַראַכטונג באַטראַכט ער די שמור-ציקע כעווורע-לייט, וואָס פאַרען זיך אַרום זיין דזשערי׳ן:

— קום נאָר אַהער, פריינטל, — רופט ער גוט-ברודעריש אַרויס צום הונט, זי שטעלנדיק עלעגאַנט מיט איין קני אָפן גראָז, — נאַ, טייערער, עס! אוי, סאַראַ היץ ס׳איז היינט!

דזשערי איילט זיך ניט. געלאָסן-פויל שטעקט ער אַרויס זיין לאַנגן רויטן צונג, באַלעקט דעם „קאָן" פון אַלע זייטן און קערט זיך אָפּ.

„אַ קנאַפּע מעציע!" טראַכט ער זיך אויף זיין אַריסטאָ־קראַטישן הינטישן שטייגער, און מיט זיין פעטער לאַפּע פאַרשטויסט ער דעם „קאָן" אָן אַ זייט. . .

יאָסקע און דאָווידקע, וואָס האָבן מיט הונגעריק-גלוסטיקע אויגן זיך צוגעקוקט, טוען זיך אינסטינקטיוו אַ לאָז צום פאַר־וואָרפענעם אייז-קרים, נאָר באַלד בלייבן זיי שטיין, ניט זי־כער, צי דער רייכער יונגערמאַן וועט עס וועלן ליידן. . .

דער יונגערמאַן אָבער באַמערקט זיי אַפילע ניט, ער איז אויפגערעגט. אים פאַרדריסט וואָס ער האָט זיין ליבלינג דזשערי'ן ניט צוגעטראָפן.

„כ'וויים שוין אַליין ניט, מיט וואָס מ'קען אים נעמען", האָט ער אין האַרצן געטראַכט, „ס'האָבן אים שוין דערעסן נאַשערייען און זיסקייטן."

פונדעסטוועגן נעמט ער אַרויס פון זיין קעשענע אַ גרויסן טאַבל מילך-שאָקאָלאַד און טראָגט עס צו דזשערי'ס מויל.

דזשערי פאַרשלינגט עס מיט אַפּעטיט, און מיט זיין לאַנגן צונג באַלעקט ער כיינעוודיק די פאַרזיסטע מאָרדע. דער יונגערמאַן שטראַלט פון גליק. אַ ברייטער צופרידענער שמייכל צעגיסט זיך איבער זיין געזיכט, ער כאַפּט אַרום דעם הונט'ס פעטע מאָרדע, פאַרקוקט צערטלעך אין דזשערי'ס שוואַרצע אויגן, און גלעטנדיק זיין ווייכן רוקן, שרייט ער אוים:

— אָט אַזוי, דזשערי טייערער, זיי ניט בייז. קום, לאָמיר נאָך כאַפּן אַ שפּאַציר ביז אָונטברויט, — און אַרויפנעמענדיק דעם הונט אָפּן פּאַסיק, שפּרינגט ער אויף און לאָזט זיך גיין. . .

* * *

קוים זיך דערוואַרט. אַן אויגנבליק, און יאַסקע מיט דאַווידקען זיצן שוין אַפן גראָז און לאַבן זיך מיטן האַלב־צעגאַנגענעם אייז־קרים, וואָס דער גווירישער קעלעוו האָט אויסגעבראַקירט. אַן עמעסע סודע! ס׳צעגייט דער טאָם פון קאַלטן אייז־קרים איבער אַלע גלידער. פון דער זייט היטן זיי איינער דעם אַנדערן, קיינער זאָל כאַלילע קיין איבריקן לעק ניט טאָן. ס׳איז זיי גוט! צווישן איין לעק און צווייטן באַוואונדערן זיי דעם גוטן „דזשענטלמאַן" און לאַכן אָפּ פון הונט: „אַזאַ גרויסער נאַר, אייז־קרים וואַרפט ער אַוועק!"

— קום, יאַסקע, שלעפּט אים דאַווידקע, — לאָמיר אַ לויף טאָן צום ראָג און זען, צי די מאַמע גייט.

אַט שפּרינגען זיי שוין ביידע ווי זומער־פלאַטערלעך גרינג איבערן גרינעם גראָז, און ס׳שפּרינגט מיט זיי די זאָרגלאָזע לויטערע קינדערשע פרייד.

אַף אַזאַ „גוד־טאַים" האָבן זיי זיך גאָר ניט גערעכנט!

— אָ־אָ, — זאָגט דאַווידקע, — ווען איך בין אַף דזשערי׳ס אָרט, וואָלט איך שוין געלעבט אַ טאָג, — און די אויגלעך אין דער פאַרשמירטער צורקע לויכטן אַזוי קינדיש זאָרגלאָז, אַזוי דערפרישט.

יאַסקע ווישט זיך נאָך אַלץ זיינע ליפּן מיט צעפרידנקייט, אָבער ער שווייגט. ער האָט זיך פאַרטראַכט.



אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן

אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן
ווערן קינדערלעך געבאָרן
און זיי וואַקסן פריי און זוניק,
ווי אין פעלד דער פולער קאָרן.

ניט קיין ווינטן, ניט קיין כמאַרעס,
קענען קינדער דאָרטן שרעקן —
ס׳גליק גייט אויף מיט זיי צוזאַמען,
ס׳וועט פאַר יעדן איינעם קלעקן.

קינדער-יאָרן ווי בריליאַנטן
פינקלען איבער רויטע שליאַכן,
ס׳וואַרט אויף קינד אַ וועלט אַ פולע
מיט די שענסטע, בעסטע זאַכן.

אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן
וואַקסן קינדער — שטאַרקע צווייגן —
העלע זון קוקט אויס אַ מאַטע
אין פאַרגלייך מיט קינדער אויגן.

מאַמע׳ס טאָג

(צום אינטערנאַציאָנאַלן פרויען־טאָג)

קינדער, קינדער! רופט דער טאַטע,
נאָר זיי מאַכן זיך ניט הערן:
ווייס איך וואָס? שוין ווידער מוסער,
ס׳גלוסט זיך אים די שפיל צושטערן!

אָבער יאַטעלעך באַמערקן —
טאַטע ווינקט זיי מיט די אויגן;
וואַרפן זיי אַלץ-מיט-אַנאַנדער
און זיי לויפן פייל און בויגן.

שטיפערם פילן מיט די הערצלעך,
אַז צו פאָלגן וועט זיי לוינען,
ווייל זיי זיינען שוין מיוווינים,
וואָס דעם טאַטנס וואונקען מיינען.

און ביפראַט נאָך ווען דער טאַטע
וויל זיין שמייכעלע פאַרשפאַרן
און מיט קוים געמאַכטן ערנסט
זייערע שאַרפע אויגעלעך נאַרן...

לאַסטשעט זיך דער בלאָנדער מורזאַק
מיט פאַרשמירטן פיצל נעזל,
און דער „גרויסער״ ברודער זיינער
שטייט ווי אַ צעטומלט העזל.

קעפּלעך־ליבע, ווילד־צעשויבערט,
פּענימלעך פאַרשייט, נאָר בלאַס,
גלעטן טאַטעס הענט, די מידע,
און ער בייזערט זיך אין שפּאַס:

„אַי, אַי, אַי, ווי ריין די רעקלעך...
און די נעגל — שוואַרצע קרוינען...
סאַראַ נעזלעך, סאַראַ בעקלעך...
קוקט זיי אָנעט די פאַרשווינען!

הערט, קיין צאַצקע קריגט איר היינט ניט
(כ׳וויים אַף וואָס איר האָט געוואָרט)
נאָר אַ יאָמטעוו ווערט איר האָבן —
מאַמעס טאָג — דעם 8טן מאַרט!״

„טראַלאַ־לאַ־לאַ, זינגט אוים כעוורע,
יאָמטעוון איז גוט ביז גאָר;
אַלעוואַי וואָלט יאָמטעוו ווערן
יעדער טאָג פון יעדן יאָר!״

„עס וועט ווערן, שמייכלט טאַטע,
טריפן וועלן טעג מיט פרייד,
נאָר דערווייל צו מאַמעס יאָמטעוו,
איילט זיך צו און מאַכט זיך גרייט.״

לערנט אוים זיך נייע לידלעך
און מאַרשירן שטאָלץ און שיין
קליינערהייד אין יאָמטעוו צימער,
גרויסערהייד אין פּיקעט-ליין.

און מיט האַרציקייט אין די אויגן
זיצן אַלע דריי צוזאַמען
און מען אייצעט זיך און גרייט זיך
צו דעם יאָמטעוו פון דער מאַמען.

מאַמע

אַז די קינדער שלאָפן
ציכטיק אין די בעטן,
האָט זיי ליב די מאַמע,
און זי נעמט זיי גלעטן.

און מיט ליפּן צאַרטע
קושט זי זייער שטערן —
ס׳ווילט זיך שוין דער מאַמען,
זיי זאָלן גרויסע ווערן.

נאָר אַז ס׳טומלען קינדער,
נעמט איר שטימע קלינגען
קאַסעדיק און ברויגעז
אויף די ווילדע יונגען.

און ניט קושן וויל זי
קינדער׳ס צאַרטן שטערן,
נאָר אַ פרייע רוען
פון דעם טאָג דעם שווערן...

בלויע טרוימען...

קינדער - אויגעלעך —
בלויע פרילינגדיקע טרוימען,
יונגינקע, נאָך ניט באַפליגלטע!
איך שפּיגל זיך אַצינד
אין אייערע שטילע טיפן,
וואָס זײַנען מיר מיט
זייער דורכזיכטיקער קלאָרקייט
אַזוי אייגן —
און וואַרימע זיכרוינעס
פון ניט-לאַנגאָניקע אַמאָלן
שפּרינגען אָפּגעפרישטע אויף
אין מײַן פאַרבײַנקטן מויאַך —
אָט, דוכט זיך, זע איך קלאָר
דעם נידריק-גרינעם טאָל
אַרום די לויטערע קרעניצעס...
און איך... אַ זינגענדיקער פרילינג
אויף פרילינגדיק באַבלומטן גראָז...
„פאַרגעס-מיך-ניט" בוקעטלעך
בינד איך אוים מיט
בויגעוודיק-געשיקטע פינגער
פאַר זיך און נאָך פאַר ווע מען...

— — — — — — — — — — — —

אָ, בלויע קינדער-אויגן,
פון אייערע שטילע טיפן
ווינקען מיר אַנטקעגן
די פריידיקע באַשיידנקייט
פון בלוי פאַרכאָלעמטע
„פאַרגעס-מיך-ניט" בוקעטלעך
אַרום די קרינקער קרעניצעס
אין פרילינגדיקן טאָל...

ווײַטע — נאָנטע

ווײַטע שטעט
און נאָנטע מענטשן —
יעדער פּנים
ליב ביז גאָר,
יעדער האַנט-דרוק
טיף פון האַרצן,
ווי באַקאַנט פון פילע יאָר.

וואָס האָט פרעמדס
אַזוי פאַראייגנט?
וואָס פאַרקניפּט האָט
מיר מיט זיי,
וואָס עס פילט זיך
אַזוי היימיש,
אַזוי כאַוועריש און פריי?

פּראָסטע אַרבעט,
פּראָסטע נויטן,
פּראָסטע ברידערליכע רייד,
און אַזאַ מין
פּראָסטע גוטסקייט,
אַז מען טיילט זיך
פרייד און לייד.

שול - צימער

ס׳רעדן ווענט פון שול - צימער
ס. ס. ס. ר. און פינף-יאָר-פּלאַן;
קינדער מאָלן, קלעפּן, שרייבן —
„פּיקעט לייַן״, בּיראָ-בּידזשאַן.

יעדע שאַפונג, יעדע אַרבעט –
איז אַ בונד מיט זייער קלאַס,
לעבעדיקע רויטע פעדים
קניפּן היים און שול און גאַס.

שול ציט אויף, דורך קאַמף און שטורם,
זין אין רויע קינדער-קעפּ;
צו אַ לעבן פול מיט וואונדער
פירט זי זיי פון טרעפּ צו טרעפּ!

היימיש, נאָנט ווערט וועלט און לעבן —
גרעניץ בלויז איין שאַרפער פּאַס;
אויף איין זייט — דער בייזער סוינע,
אַף דער צווייטער — אַרבעטס-קלאַס.

גרויסע וועלט — אין קליינעם צימער!
ס׳ברידערן זיך אַרבעטס-הענט;
כּאַוועַרקייט, פרייד און אַכדעס
אָטעמט פון די שול-ווענט.

האַרבסט - ליד

אין קרעכץ פון צעקרושעלטע בלעטער
אַ פרילינג-ליד שטיל איז פאַרבאָרגן —
עס וועקט אַזאַ גרויסע האַנאָע
אין קאַלטן פרי-האַרבסטיקן מאָרגן.

עס זעגנט זיך ווינטל מיט בלעטער
און הוליעט מיט זיי אין אַ ראָד,
די קינדערשע פיסלעך זיי טרעמפּלען
מיט יונגען מיט שפּילעוודיק טראָט.

ס'פאַרגייען די האַרבסטיקע ווייען,
דער טויט נעמט אַרונטער זיין שניט,
נאָר שטיל אונטער האַרבסטיקן וועלקן
ניי-לעבן צעוויקלט זיין צוויט.

טרעף

פון שווייסיקע שאָען אין שאַפּ,
פון פרייִדלאָזע טעג אין דער היים,
מיר קנעטן אוים ציגל
פון ליים!

פון הייסן נשאָמעדיק ליים,
פאַרהאַרטעט אין פייער פון קאַמף,
אַ ליכט-טורעם בויען מיר אוים, —
פאַראוים!

מיר פורעמען, טראָגן דעם ליים,
מיט פרייע, געהויבענע קעפּ,
און פאַרבן מיט היים-רויטן בלוט
צום טורעם די לויכטענדע טרעפּ!

מיר טרעטן מיט שטאָלענע טריט
די פינסטערע שאָטנס אויף קעפּ,
וואָס טאַנצן אַ טויטן-טאַנץ אוים
איבער שטייגענדע, זוניקע טרעפּ.

אַזאַ אומגערעכטיקייט

עס איז נאָך ווינטער, אָבער אין דרויסן איז שוין פרילינגדיק. וואו־ניט־וואו וואַלגערט זיך נאָך אַ פאַרשוואַרצט, פאַרכמורעט בערגל שניי, וואָס קוקט אויס ווי אַן אומצופרידן קינד מיט אַ טרערנדיק אויסגעשמירט צורעלע.

לוזשעס שמוציקע שיינען און טאַנצן צו אין קילן ווינטל: זיי טוט אַפּאָנים האַנאָע וואָס די גרויסע העלע זון האָט זיך אַזוי יאָמטעוודיק אויסגעפּוצט און רינגלט זיך אין זייערע וואַסערן. . .

ס'איז לעבעדיק אין דער שמאָלער געסל. קינדערלעך, מיט עמערס און שופלעס, אַרבעטן און שוויצן: זיי ווילט זיך דאָס וואַסער פון דער רינע איינצאַמען, אין אַ גרויסן, גרויסן טייך מאַכן. האָבן זיי פון גאָר דער וועלט אָנגעשלעפּט שטעקענער מיט שטיינער, זאַמד מיט בלאָטע. דאָס געסל איז אַן אָרים אַרבעטער־געסל. פאַרשטיקט, פאַרברודיקט, פאַרשמעקט מיט אַלערליי רויכעס, אָבער נאָר איין ווינקעלע פון איר איז אַנדערש; דער אַספאַלט איז ריין, געוואַשן אַלע טאָג, קיין שפּרינקעלע ניטאָ; די פּאָר הייזער שיין און ליכטיק, און ס'שלאָגט פון זיי אַזאַ ליבע וואַרימקייט, ווען מ'גייט פאַרביי. אַרום דעם דאָזיקן ווינקעלע איז שטיל ווי אין אַ קלויסטער — קיין קינדער שפּילן זיך ניט, קיין גרויסע זעט מען ניט; פון צייט צו צייט קייקלט זיך צו יענעם ווינקעלע ראַכוועסדיק צו אַ גרויסע מאַשין, שפּייט אַרויס פון זיך עטלעכע פאַרשוין, וואָס פאַרשווינדן גלייך הינטער דעם הויכן אייזערנעם טויער.

ס'איז זיי מיאוס געוואָרן די רייכע, געפּוצטע קוואַרטאַלן, די ביימער און בלומען־דופטן צו וואָכעדיק געוואָרן, זוכן זיי רייצונגען אין קאָנטראַסט מיט דער אַרומיקער אָרימקייט.

אָט האָט זיך פון יענעם ווינקעלע אַן אַלטיטשקע באַוויזן. זעט אויס, זי האָט זיך אין איר יוגנט ניט שטאַרק אָנגעהאָרעוועט — איר רוקן איז גלייך, אירע געזיכטס-צוגן זיינען נאָך ניט פאַרקרימט מיט דעם שטעמפּל פון שטענדיקע דאַיגעס און נויט; אירע ליפּן, ווי באַ אַ יונג מיידל צוזאַמענגעלייגט, דערציילן, ניט פון פרי-פאַרוויאַנעטן לעבן, פון פאַרצייטיק צעטראָטענע בלומן. . .

איר שוואַרצע הוט מיט דעם שיינעם זיידן-מאַנטל גיט אָט דער אַלטיטשקער אַ מאָדנעם מאַיעסטעטישן אויסדרוק, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט אַריין אין דעם כמורנעם אויסזען פון דעם אַרבעטער-געסל.

גייט זי זיך לאַנגזאָם מיט איר זילבער-באַהענטלטן שטעקעלע. פּלוצלינג שטעלט זי זיך אָפּ לעבן אַ קליין, געל הינטל, וואָס שטייט באַם אַספאַלט און קייט עפּעס גאָר געשמאַק.

זי בויגט זיך צו צום הינטל, שיינקט אים אַ ברייטן, צאַרטן שמייכל, און איז שוין, דוכט זיך, גרייט מיט אים אַ ליבלעכן שמועס צו פאַרפירן, ווי זי באַמערקט, אַז דאָס הינטל קייט די אָפּפאַל פון גאַס. . . גלייכט זי זיך שנעל אויס, איר פּאָנים ווערט ערנסט, אויפגערעגט און זי ווענדט זיך צו אַ פּאָר פרויען, וואָס שטייען נעבנביי:

— וועמען געהערט אָט דאָס אָרים הינטל? איר ווייסט וואָס עס עסט? — אָפּפאַל פון גאַס, באַנאַנע-שאָלעכץ און אַנדערע כאַזערייען! ס'איז אַ כאַרפּע! אַזאַ יונג, שיין הינטל! זייט אַזוי גוט, זאָגט מיר, וועמענס ער איז — אַזוינס טאָר ניט דערלאָזט ווערן!

פאַרבייגייער דערזעענדיק די אַנגענעמע אַלטיטשקע, מאַכנדיק מיט די הענט, אַזוי ערנסט, אַזוי אויפגערעגט, רינגלען זי אַרום. זי רעדט וועגן די גרויסע זינד צו לאָזן לע־

בעדיקע באַשעפענישן זיך מאַטערן אין הונגער, און עס ברײַנ־גען דערצו, עס זאָל דאַרפן פרעסן דעם אָפּפאַל פון גאַס.

— איך מוז וויסן, ווען דאָס הינטל געהערט, און איך וועל שוין זען, אַז עס זאָל אַזױנס מער ניט פּאַרקומען! קענט איר זיך אַזאַ ברוטאַליטעט פאָרשטעלן? — אויסהונגערן אַן אָרימע באַשעפעניש? — האָט זי זיך געווענדט צו אַ יונגן מאַן, וואָס איז גלײַך נעבן איר געשטאַנען.

— אָ, יעס, מאַדאַם, איך קען זיך עס זייער לײַכט פאָר־שטעלן. איך האָב אַליין אַמאָל געזען אַזױנע באַיעלעך, וואָס מ׳רופט זיי קינדער. מ׳זאָגט, אַז זיי שטאַמען פון מענטשן, האָבן אַטאַ־די באַיעלעך זיך אַ גאַנצן זומער געהאָדעוועט פון די מיסט־פעסלעך אין די רײַכע פּאַרקס. זיי האָבן געגעסן אַלץ, וואָס האָט זיך געמאַכט, און אַזוי זשעדנע, אַזוי כאַפּנ־דיק, אָט פונקט ווי דאָס הינטעלע דאָ... יעס, מאַדאַם!

די אַלטיטשקע האָט אירע ברעמען אין גרויס פאַרוואונ־דערונג אויפגעהויבן און מיט אַ לאַקריץ־זיסע שטימעלע אויס־געזונגען:

— איז דאָס מעגלעך? איר האָט עס אַליין געזען? קינ־דער — פון די מיסט־פעסלעך געגעסן?! ס׳איז אַ שרעק... מיינט איר ניט? ס׳פעלט דען עסנס? — האָט קיינער פאַר זיי ניט געזאָרגט?

— יעס, מאַדאַם, מ׳פלעגט זיי פון די פּאַרקס פאַרטרײַבן, די רײַכע דורכגייער זאָלן ניט באַמערקן... ס׳איז דאָך ניט שיין... האָט דער יונגערמאַן סאַרקאַסטיש שמייכלענדיק געענטפערט.

יעס, אָבער דאָס הינטל איז אַ שטומע באַשעפעניש, דערצו נאָך איז עס אַזוי צאַרט און יונג! עס מוז זײַן זאַט, זײַן באַלעבאַסטע מוז וועגן דעם זאָרגן! איך וועל עס שוין אויס־געפינען אַן אַנדערש מאָל.

— גוד־באַי, אָרימעס הינטל, איך וועל שוין מאָרגן זען װעגן דיר. . .

זי איז װײַטער אַװעק, צוקלאַפּנדיק, אױפגערעגט מיט איר שטעקעלע, און רײדנדיק צו זיך אַלײן װעגן דאָס אָרימע באַשעפעניש און די שלעכטע מענטשן. . .

●

בליהענדע טרײסט

אַ קלײנעס קינד אין אַ גרױסער װעלט
איז װי אַ קרעניצע אין מיטן פעלד:
עס קװעלט מיט פרישקײט אַנטקעגן זון
און קײנער װײס גאָר ניט דערפון.

װי אַ „פאַרגעס־מיך־ניט" בײם זומפּן־ראַנד,
בעט זיך דאָס קינדערשע אױג נאָכאַנאַנד:
„גײט ניט פאַרבײַ, קוקט זיך אַרום —
אומעטיק איז מיר צו װאַקסן דאָ שטום."

ס׳גע־בעט װערט פאַרהילכט פון דערװאַקסענע טריט,
אַן אײנזאַמעס קינד שטײט פאַרװאָרלאָזט און מיט;
װי אַ קלאָרינקער קװעלכל צװישן װילד־גראָז אין פעלד,
װי אַ בליהענדע טרײסט אין פאַרװיאַנעטער װעלט.

ערשטע טריט

כיין פון כיינען —
ערשטער קינדער-טראָט
און וואונדער אייגענער
אין שרעק-צעגלאַנצטע אויגן!

ערשטער פאַל
און ערשטער הויב,
שטאָלצער מאַמעס שטילער לויב
גיסט אין פיסלעך בראַוון מוט —

גוט... אַזוי... אַליין... אַליין...
וועט מיין קינדעלע גיין... גיין... גיין...

און צעטרעטן וועלן פיסלעך
דעם געוואַקל און דעם שרעק,
און אַרויסשפּרייזן ווי זיגער
פון דעם הויקערדיקן וועג...

לעניןַ

(מײַן ווינדערקען אַ מאַטאַנע)

אַ, ווי טײַער ס'איז דײַן נאָמען,
גרויסער בויער פון סאָוועטן!
יעדעס אָס דײַנס, וואָרט און לאָזונג
איז פון כּאַכמע אויסגעקנעטן!

קלאָר ווי זון אַריבער כמאַרע,
פּראָסט ווי מוטערליכער בענטש,
איז דײַן לעבן און דײַן לערע,
וואָס פאַרקניפּט אַ מענטש צו מענטש.

פול איז וועלט מיט שטעט און לענדער,
פול מיט שפּראַכן פרעמדע, שווערע —
אין זיי אַלע קלינגט דײַן נאָמען,
אין זיי אַלע שײַנט דײַן לערע.

לעניןַ — העלד פון שענסטער מײַסע
קײנער ווערט ניט מיד זי הערן!
האָסט געקרוינט פון ערד אַ זעקסטל
מיט דעם ליכטיקסטן פון שטערן!

ווי אַ שטילער מאָרגן-דעמער,
וואַכסטו איבער מײַן באַגינען,
און איך שווער, דו וועסט מיך שטענדיק
צווישן דײַן אַרמײ געפינען!

נייע וועלט

רעגן-גים, דערפריש דאָס פעלד,
יונג און גרין וויל זיין די וועלט;
כמאַרע גיי — פאַרשטעל ניט שיין,
פריש און ליכטיק וויל עס זיין.

זון און בלום און קינדער-כיין
פלעכטן פאַר דער וועלט אַ קרוין,
פון זיין בלוט אַ רויטע פאָן
גרייט דער אַרבעטער איר אָן.

צווילינג-שוועסטער, גליק און פרייד
וועבן סטיינגעס פאַר איר קלייד,
פלעכטן שטערן איר אין צעפּ,
טראָגן הויך איר רויטן שלעפּ.

הונדערט-און-צוויי

שפאַנישע וויג - ליד

(די העלדישע מאַמעס פון שפּאַניע)

זיי געזונט, מיין אויצער קליינער,
קינד מיינס ליב און טייער,
כ׳מוז דיין וויגעלע פאַרלאָזן —
גיין פאַר דיר אין פייער.

ס׳וועלן דיר קאַנאָנען שאַקלען
אין פאַרלאָזטן וויג,
ס׳וועט דיין מאַמע׳ס האַנט ניט וואַקלען
ביז צום טאָג פון זיג!

כ׳גיי מיט אַנדערע בראַווע מאַמעס
ברענען פראַנקאָ׳ס טריט...
ווען דו ביזט אַצינד אַ גרויסער
גייסטו מיט אונז מיט...

אונזער אויסגעבלוטיקט שפּאַניע
מוז אַ פרייע זיין...
קינד מיינס, ס׳ווערט מיין האַרץ צעריסן,
נאָר איך מוז איצט גיין.

ס׳וועט אַן אַלטע סעניאָריטאַ
דיר אַ מאַמע זיין,
זי וועט האָדעווען דיר, היטן
ביז איך קום, מיין קרוין.

ס׳וועט מיין ביקס אַ ליד דיר זינגען
פון פאַרבלוטיקט פעלד,
כ׳וועל אין גרויל פאַר דיר געווינען
זיכערקייט אין וועלט.

כ׳וועל פון דיר, מיין פויגל, טראַכטן
צווישן יעדער שלאַכט,
כ׳וועל אין כאַלעם אַף דיר וואַרטן
אין שטילקייט פון דער נאַכט.

וואַקסן וועסטו, קינד, פאַרלאָזן,
ווי אַ בלום אין פעלד —
וועסט אַמאָל אַליין נאָך, קינד מיינס
זיין אַ גרויסער העלד!

באַפרייטערייד וועסטו דערמאָנען
אָט די שווידער טעג,
ווען מען האָט מיט בלוט געוואַשן
שפּאַניע׳ס פרייהייטס-וועג.

זיי געזונט, מיין אויצער קליינער,
קינד מיינס ליב און טייער,
כ׳מוז דיין וויגעלע פאַרלאָזן —
גיין פאַר דיר אין פייער.

ערשטער מאַי

מאַי, מאַי... שפּילט זיך אין יעדן גליד
מאַי, מאַי... פיבערט אין אונדזער ליד
ציט זיך דער קלאַנג, ברידערט אונדז פריי
אַף גאַסן פון וועלט איז ערשט-מאַי!

מאַי, מאַי... רוהען מאַשינען שטיל...
פריי, פריי... פלאַטערן הערצער פיל...
ציט זיך אַ פרייד פון ראַטנפאַרבאַנד
גריסט אונדז אַ זיגערשע אַרבעטער-האַנט!

מאַי, מאַי... ציטערן אַלטע ווענט,
מאַי, מאַי... פלעכטן אַ קייט אוים הענט
ס׳יווירט און עס ברויזט, ס׳קראַכט איבעראַל
ס׳דונערט מיליאָן-פאַך „אינטערנאַציאָנאַל״!

מאַי, מאַי... פאַרבונדן אין שוואַרץ און ווייס
פריי, פריי... ווי ברידער אין קאַמף פאָראויס...
אונדזערס איז גאַס אין לייננ און אין ברייט,
מיט הויטן קאָלירטע... מיר זיינען דאָך רויט!

מאַי, מאַי... ס׳קרעכצן די גאַסן פון וועלט
מאַי, מאַי... מאַרשירער, ווי זאַנגען אין פעלד,
מיט הערצער פול מוט, מיט אויגן פול גלאַנץ,
מיר גייען צום לעצטן פאַרמעסט ווי צום טאַנץ!



דאָס שטומע קעלבעלע

שאָלעם, שאָלעם, גיכער קום אַרויס! — האָט די פּאַר-מערקע הויך איר מאַן גערופן, וואָס איז אָקאָרשט אַריין אין הויז עפּעס איבערבייסן. ער איז מיט אַ האַלבן ביסן אין מויל גלייך אַרויסגעלאָפן און אַ ברויגעזער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס, וואָס איז שוין דאָרט ווידער געשען?

— ווייסט דאָך די שוואַרצע קו . . . זי שרייט און וואַרפט זיך, אַ שרעק . . . עס וועט שוין מיסטאָמע באַלד קומען . . . גיי גיב אַ בליק — האָט די פּאַרמערקע, גייענדיק צום שטאַל, צו איר מאַן גערעדט.

זיי זיינען ביידע אַריין אין אַ פינסטערן שטאַל, וואו אין אַ באַזונדער ווינקל, אויסגעבעט אויף פרישע שטרוי, איז גע-לעגן אַ גרויסע שוואַרצע קו, געקרעכצט און געמו'עט, זיך

געוואָרפן פון איין זייט אויפ'ן אַנדערן. ווען די צוויי זיינען אַריין האָט זי זיי מיט אירע צוויי גרויסע, אַרויסגעשטעלטע אויגן אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געבעטן מ'זאָל איר מיט עפּעס אירע יעסורים פאַרלייכטערן. . . באַלד האָט זי אַרויס-געלאָזט אַן אומגעוויינלעכן געשריי און אויפ'ן שטרוי האָט זיך אַ גאַנצער טייך בלוט באַוויזן. . .

די פאַרמערקע און פאַרמער זיינען גלייך צוגעלאָפן, אַלצ-דינג צורעכט געמאַכט, און אַרויסגענומען נאָך אַ פּייכט, קליין קעלבעלע — אַ שוואַרצינקע, מיט אויף האַלב ווייסע פיסע-לעך, מיט שיינע ווייסע פלעקן אַפ'ן קאָפּ און די שפּיץ-אויערלעך.

די קו האָט אויפגעהערט צו שרייען, נאָר איז אַ פאַרמאַ-טערטע שטילערהייט געלעגן אַפ'ן שטרוי, געקרעכצט און געסאַפּעט און מיט די אויגן אין דער ריכטונג געדרייט, וואו ס'איז נעבן איר געלעגן איר קינד — דאָס קעלבעלע.

אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז שוין די שוואַרצע קו געשטאַנען אַף די פיס און דאָס ברעקל קעלבל, וואָס האָט זיך קוים גע-האַלטן אַף די פיסלעך, האָט איר מיילכל אונטער דער מאַמעס פול-מילכיקן אייטער אונטערגערוקט, און די זיסע, וואַרעמע מוטער-מילך געזויגן.

אַ צופרידענע, רואיקע איז די קו געשטאַנען און שטאַרק האַנאָע געהאַט פון איר קעלבעלע, וואָס האָט אַזוי אָנגענעם און געשמאַק זי געלעקט און געקושט מיט אירע צאַרטע יונגע ליפּעלעך, און האָט עס אויך פון צייט צו צייט מיט איר צונג אַרומגעלעקט, און דאָס קעלבל איז שפּעטער אַ זאַטע און לוסטיקע געשטאַנען, זיך געשטופּט און געשפּרונגען און זיך אויסגעפיינט פאַר איר מאַמען.

ניט לאַנג אָבער האָט דאָס גליק געדויערט. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אין שטאַל אַ ווילד פרעמדער מענש אַריינגע-

קומען, האָט אויף דעם קעלבעלע׳ס העלדזל אַ שטריק פאַר־וואָרפן און האָט עס מיט גוואַלט פון דער קו אָפּגעריסן.

די קו האָט אירע גרויסע אויגן אויסגעגלאָצט, האָט זיך פאַנאַנדערגערעוועט, ווי זי וואָלט געוואוסט וואָס מ׳וויל מיט איר קינד טאָן. זי האָט זיך געגעבן אַ ריס צום פרעמדן מאַן. דער פאַרמער אָבער האָט זי שטאַרק צוגעהאַלטן, ביז דער מאַן האָט מיט גרויס צאַרעס דאָס איינגעשפּאַרטע קעלבל פון שטאַל אַרויסגעשלעפּט.

ווי שוואַך און יונג דאָס קעלבעלע איז געווען — אינגאַנצן דריי טעג אַלט — האָט עס דאָך געפונען קויכעס אין זיך, מיט די פאָדערשטע פיסלעך צו דער ערד זיך צוגעשפּאַרט, און האָט זיך פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט רירן פון אָרט . . . און פון ווייטנס האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן די בעטנדיקע, האַרצ־רייסנדיקע געשרייען פון דער מאַמע-קו. . .

דער פאַרמער איז צוגעגאַנגען און צוזאַמען מיט׳ן פרעמדן מאַן האָט ער זיך גענומען צום אומגליקלעכן קעלבל: איינער האָט עס פאַר׳ן קאָפּ געשלעפּט, דער אַנדערער פאַר׳ן עק — מ׳האָט עס געפּרוּווט צום גרויסן אוטאָמאָביל צושאַרן, וואו ס׳זיינען שוין אַ סאַך אַנדערע יונגינקע קעלבעלעך געלעגן. אָבער דאָס קעלבל האָט זיך ניט געלאָזט — ס׳האָט זיך אין דער ברייט פון וועג געשטעלט, האָט דעם קאָפּ און די פיס אין דער ערד איינגעגראָבן, און אַ שטומע, איינגעשפּאַרטע, פאַרצווייפלטע, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען אַז דאָס זיינען אירע לעצטע מינוטן איז זי אויף איין אָרט געשטאַנען.

קוים, קוים, מיט קלעפּ און מיט שטעקנס האָט מען זי גע־צוואונגען זיך אָביסל אונטערגעבן: ביידע האָבן זי אַ הויב געטאָן און אַרויפגעשטופּט אַף דעם גרויסן אוטאָמאָביל. צוויי אַנדערע מענטשן האָבן האַסטיק פאַרהאַקט די טיר פונ׳ם טראָק און די מאַשין האָט זיך גערירט ווייטער אין וועג אַריין.

דאָס קעלבל האָט זיך אומגעקוקט. דאָרטן זיינען גע־בונדענע נאָך אייניקע קעלבעלעך געלעגן, דיזעלביקע גרויס ווי זי. עס האָט געפּרוּאווט אַרומגיין עטלעכע מאָל אַרום די ווענט פון דעם הויכן קאַסטן, געפּרוּאווט זוכן אויסצוגעפינען צי עס קען זיך נאָך ראַטעווען, און צום סוף האָט עס זיך אַ פאַרמאַטערטע פון שווערן קאַמף אַפּ׳ן האַרטן דיל אַנידער־געלייגט.

באַלד האָט מען עס צוזאַמען מיט די אַנדערע צום שלאַכט־הויז צוגעפירט. עס האָט אַ שלאָג געטאָן דער רויאַך פון פרישע בלוט, די רעוועריען און געשרייען פון די בעהיימעס.

די ניט־געבונדענע קעלבלעך זיינען אויפגעשפּרונגען, זיך אַנגעשטריינגט און זיך מיט שרעק צוגעהערט. דאָס שוואַרצע קעלבעלע האָט דאָס קעפּל אַראָפּגעלאָזט און די פיס אין דעק איינגעשפּאַרט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט קעגן אי־מיצן ווערן.

באַלד האָט זיך די שווערע טיר פון טראַק מיט אַ קלאַפּ אַראָפּגעלאָזט און מ׳האָט זיך גענומען די יונגינקע, צעשראָ־קענע קעלבעלעך צו דער שכיטע פירן. . . די שוואַרצינקע איז געווען די לעצטע. זי האָט זיך ווידער איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט זיך פון אָרט רירן. האָט מען גלייך אַ שטריק איבער איר העלזל פאַרוואָרפן און זי אומבעראַכמאָנעסדיק אַראָפּגעשלעפּט. דאָס קעלבל האָט צום ערשטן מאָל זינט מ׳האָט עס פון איר מאַמען אָפּגעריסן, אַ גרויסן, וויינענדיקן מע־ע־ע אַרויסגעלאָזט, ווי זי וואָלט זיך איצט מיט איר יונגן לעבן געשיידט, און איז פאַרשוואונדן הינטער די טויערן פון שלאַכטהויז.

זומער - פרייד

פּאַפּירענע מיצלעך
מיט הילצערנע שווערדלעך
מאַרשירן סאָלדאַטלעך
אויף שטעקעלעך - פערדלעך.

פון זאַמד און פון שטיינדלעך
אַ פעסטונג גענומען,
אינ׳ם אייגענעם לאַגער
ווי זיגער געקומען.

פון שטיינערנע באָמבעס
און פולווער פון זאַמד,
געפאַלן פון פעסטונג
די מעכטיקע וואַנט.

געענדיקט אַטאַקע,
ניטאָ מער קיין פיינט,
מען שפילט זיך שוין ווידער
ווי גוטינקע פריינט.

עס בראָט זיי די זון,
אָבער ס׳וואַסער איז קיל,
איז לויפט מען צו כוואַליעס
זיי נעמען אין שפּיל.

ביים יאַם - ברעג

פאַרברענטע קינדערשע אַקסלען
און זאַמדענע ברויטלעך אַ סך,
אַ זאַמדענע שיף מיט אַ רודער,
אַ הויז מיט אַ זאַמדענעם דאַך...

מ׳שלעפּט עמערס פולע מיט וואַסער
און ס׳לויכטן אויף אויגעלעך העל —
אָט-אָ באַלד וועט דאַך פאַרטיק שוין ווערן,
פון דעם קלעפּיקן זאַמד אַ טונעל!

עס כייזעקן יאַטעלעך קליינע
פון ברייגעזן ריז-אָקעאַן,
און עס ציען זיך דורשטיקע בליקן
אין דער הויך צו דעם עראָפּלאַן.

נייגער באַשיינט יעדן פּנים,
פאַרריסן האָט יעדער זיין קאָפּ —
האָט באַמערקט עס אין לופטן דער פליער
און געלאָזט זיך צו כעוורע אַראָפּ...

אָט-אָ גליטשט ער זיך שוין אָפן וואַסער,
און אָט הויבט ער זיך אויף מיטאַמאָל,
עס שרייען און יובלען די קינדער,
און ס׳באַגריסן אים הענטלעך אַ צאָל.

די קינדער זיי בויען שוין ווידער
פּאַלאַצן פון זאַמד און פון שטיין,
עס שמייכלט דער פליער ביים רודער
באַלוינט פון דעם קינדערשן כיין.

כוואַליעס...

שפּילן כוואַליעס זיך אין „כאַפּקעס"
אין דעם גרויסן, ברייטן טייך,
שיינט די זון אַראָפּ פון הימל
און באַגאָלדט זיי אַלע גלייך.

יאָגן זיך שוין ניט קיין כוואַליעס —
שטיקער גאָלד און גרודעס גלאַנץ
שפּרינגען, יאָגן איינס דאָס צווייטע
אין אַ שיינעם וואַסער-טאַנץ.

שפּרינגט איין כוואַליע אויף דער צווייטער,
וואַרפט זי יענע גלייך אַוועק,
כאַפּן ביידע אויף אַ דריטע
און פאַרטראָגן זי צום ברעג.

קלאַפּן אויס די האַמער-כוואַליעס
פאַר'ן ברעג פון שוים אַ קרוין,
שפּרינגען אָפּ און טאַנצן ווידער
אין דעם העלן זונען-שיין.

טשייקעס

ס'כיינדלט זיך דער בלויער הימל
אין דעם ווייטן, גרויסן שפּיגל,
טשייקעס פליען,
טשייקעס טויכן,
גלעטן ס'וואַסער מיט די פליגל.

רואיק גליטשן זיך די פליגלען
אויפ'ן וואַסער-פעלד, דעם גראַמען
און ס'באַפאַרבט די פויגל-גראַציע
אָוונט-זון מיט פּורפּור-פלאַמען.

ס'ציטערן די דראַבנע כוואַליעס
פון אַ מילדן ווינט געטריבן,
ס'האָבן פישלעך, גאַנצע כמאַרים,
זיך צום שטיפן אויפגעקליבן.

אומשולדיקע פישלעך שטיפן,
טשייקעס וואַרפן שאַרפע בליקן,
גרייטן צו דעם שלאַנקן שנאָבל,
בויגן קונציק אויס דעם רוקן.

צאַפּ, צאַראַפּ, זיך אָנגעגעסן,
אָן די פישעלעך פאַרגעסן,
אויסגעשפּרייט די פליגל-רודערס,
ס'שלאַנקע קערפּער אויסגעצויגן
און צום טיפן, בלויען הימל
הויך, גאָר הויך אַוועקגעפלויגן.



אַ בילד

ווי אַ בילד אין ראַם אַריינצושטעלן
איז דער יאַם מיט זיינע זעגל שיפן,
אין כוואַליעס אָפּגעזוימט מיט קרויזיקע פּאַנעלן
ווערן שטיינדעלעך ווי דימענטן געשליפן.

גרינע פלאַך פון יאַם צעהאַקט אין קאַרבן,
ריפּעלעך און פאַלדן מיניען ווי מאָריי *
קינדערלעך אַף יאַם-ברעג — סימפאָני פון פאַרבן,
מיט דעם זאַמד און כוואַליעס שפּילן אין דער פריי.

אָפּגעצוואָגן ליגט דער ברעג אַן אויסגעשפּרייטער
ס׳זשאַלעוועט ניט זון קיין וואַרימקייט דער ערד;
יאַם, מיט קאָפּ צעפּאַטלט, פרישער און צעווייטער,
ווי אַ יונגער רייטער אַף אַ וועט-לויף-פערד...

* מאָריי — אַזאַ מין סאָרט זייד.

דער פלאַטער

א פלאַטער אַ שיינעם,
מיט פליגלען צעקנייטשטע,
האָט עמיץ פאַרוואָרפן אין מיטן דער גאַס.
זיין קערפער באַצירט
אין אַ שוואַרץ-געלן סאַמעט,
געשלעפּט האָט זיך מיאוס,
פאַרברודיקט און נאַס.
איך האָב עס מיט ווייטיק פון שמוץ אויפגעהויבן
און פאַרזיכטיק-שטיל
אין מיין צימער געבראַכט,
נאָר צאַר פון בייזווילּיק-פאַרקריפּלטע פליגלען
צעשטערט האָט די רואיקע
גלייכגילט פון נאַכט:
ס'האָט עפּעס מיין האַרץ
מיט דעם פלאַטער'ס פאַרבונדן,
געוואָלט האָט זיך גוט מאַכן עמיצנ'ס שולד,
און כ'האָב ווי אַ שוועסטער
צעגלעט זיינע פליגלען
און פונקט ווי אַ מוטער
געפלעגט מיט געדולד . . .
און באַלד האָט מיין פלאַטער
די פליגלען צענומען, —
די קויכעס פאַרמאָסטן —
צו פליען אין פריי,
און באָדן זיך ווידער
אין זוניקייט ליבער
און טרינקען פון בלומיקע בעכערס
אויפסניי . . .

די ציכטיקע סאָרעלע

סאָרעלע איז אַן איין-און-איינציק קינד באַ טאַטע-מאַמע געווען. האָבן זיי דאָס קינד אַזוי ליב געהאַט, אַז עס איז פאַר זיי קיין זאַך ניט שווער געווען אַבי עס זאָל צעפרידן זיין. האָט טאַקע סאָרעלע שיינע קליידעלעך גע-האַט און געלע שיכעלעך מיט ראָזינקע אָדער ווייסינקע זע-קעלעך געטראָגן און אַ ברייטע בלויע סטיינגע האָט איר קאָרן-גאָלדענע הערעלעך דורכגעפלאָכטן. האָט זי דעריבער שטענדיק ווי אַ פּופּעלע אויסגעזען — ריין און פריש — אויס-געפּוצט אין איר ליינגלעך צאַרטע צורקעלע, די „פּיקסענע מאָרדקעלע" מיט'ן שפּיציקן נעזל צווישן די שאַרפע אויגע-לעך האָבן צו זיך געצויגן און געצוואונגען זי ליב צו האָבן! סאָרעלע איז באַם גאַנצן שטעטל אַ באַסיעכידקע געווען: דאָס גאַנצע שטעטל האָט זי געקענט, דאָס גאַנצע שטעטל האָט זי ליב געהאַט, און יעדערער האָט פאַר איר אַ גוטע זאַך אָדער אַ ליבלעכן שמייכעלע געהאַט.

אַפילו די פּויערים פון דער „גויאישער גאַס" האָבן סאָ-רעלען געקענט און זי פלעגט יעדן טאָג אַהינצו קומען פרישע מילך, גלייך פון דער קו, טרינקען. די פּויערים פלעגן זי אָנ-רופן „פּאַנסקא צורקא" (פּריצישע טעכטערל) אַזוי איידל און ליבלעך איז זי צו יעדן געווען. פלעגן זיי איר אָפט-מאָל אַ מאַטאָנע געבן — אַ פריש, רויט עפּעלע, גלייך פון בוים, אַ רייפע מאַקאָווינע, אָדער גאָר אַ יונגן מערעלע, און סאָרעלע איז גליקלעך געווען און איז אַהיים אויף איין פיסל געשפּרונ-גען און אַ פריילעך לידל געזונגען.

סאָרעלעס באָבע פלעגט זאָגן, אַז דאָס קינד איז אין אַ הייבעלע געבאָרן געוואָרן, דערפאַר האָט עס אַזאַ טייערן

מאַזל, וואָס אַלע האָבן עס ליב און דערבײַ פלעגט זי אַ לאַנגע מײַסע דערצײלן ווי אַזוי גראַד אין דעם טאָג ווען סאָרעלע האָט דאָס ערשטע מאָל די ליכטיקע וועלט דערזען, האָט די קו אַ קעלבל געהאַט, דאָס ציג האָט זעקס ציגעלעך געבאָרן, דאָס קעצל האָט זיך אונטער אויוון אָפּגעקעצלט און פון אונטער דער הון האָבן זיך פינף געלע, בלינדע טשיפּקעלעך אויסגעפּיקט.

* * *

איינמאָל, ווען סאָרעלע איז אַהיים געקומען, האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט אַ קליין, יונג הינדעלע, וועלכע אַ באַקאַנטער פויער האָט איר אַ מאַטאָנע געגעבן. זי איז געווען גליקלעך, איבער גליקלעך. איר פּענימל האָט געשײַנט פון צופרידנקייט און שטאָלצקייט — זי וועט איצט אַליין אויסהאָדעווען אַ גרויסע, ראַבע הון און וועט איר אַוועקזעצן אויף אייעלעך, וועט זי האָבן אַ סאַך, אַ סאַך קליינע הינדעלעך, וועלכע זי האָט אַזוי שטאַרק ליב! האָט זי טאַקע ניט לאַנג געטראַכט, געבראַכט ברעקלעך ברויט און עס אַנגעקאָרמעט און וואַסער אין אַ שיסעלע אַ טרונק געגעבן און עס אין גאָרטן אַף אַ שפּאַציר אַרויסגענומען.

סאָרעלעס ציכטיקייט האָט אין שטעטל אַ שעם געהאַט. נאָך אַ קליין בעבעלע איז זי געווען פלעגט זי האַלטן אין איין ראַמען און וואַשן: פלעגט זי אויפ'ן טיש אַ פּאָר טעלער דערזען, האָט זי עס ניט געקענט פאַרטראָגן — אַ שלעפּ פּאַר'ן עק פון טישטוך און פּאַרטיק — דער טיש איז שוין ריין...; האָט זי גלייך אַביסל וואַסער אויפגעזוכט און זיך וואַשן גענומען. ס'איז געווען ניט אויסצוהאַלטן פון איר ציכטיקייט!

היינט איצט שטעלט זיך פאָר, אַז סאָרעלע האָט אַן איי־גענס הינדעלע געהאַט! פלעגט זי דאָס אָרימע נעפּעשל אַזוי מאַטערן מיט וואַשן דעם שנעבעלע און די פיסעלעך, אַז דאָס הינדל האָט קוים געזשיפּעט. איינמאָל, ווען סאָרעלע האָט איר טשיפּקעלע פון גאָרטן אין הויז אַריינגעבראַכט, האָט זי זיך באַטראַכט, אַז דאָס הינדל איז אינגאַנצן שמוציק — זי האָט דאָך אַליין געזען ווי דאָס הינדל האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אין דער ערד געגראָבן, ווערימלעך געזוכט. און ניט לאַנג געקלערט, לויפט זי אין קיך אַביסל וואַסער זוכן דאָס הינדל צו באָדן.

האָט זי בעשום אויפן צום וואַסער-צאַפּן ניט געקענט דער־לאַנגען און איז פאַרצווייפלט געוואָרן. וואָס טוט מען? און עס איז גראַד אַ גוטע צייט. קיינער איז אין שטוב ניטאָ. האָט זי אָנגעהויבן צו נישטערן איבער׳ן קיך און מיט אַמאָל האָבן אירע בלויע, קלוגע אויגעלעך אַ גלאַנץ געטאָן: זי האָט אַפּ׳ן טיש אַ גרויסן טאָפּ דערזען.

גלייך איז סאָרעלע אַף אַ שטול געוועזן, פון שטול אַפּ׳ן טיש און די קאָפּ אין טאָפּ: „אַי גוט”, האָט זי אַ טראַכט גע־טאָן, „ס׳איז אַפילו ניט קיין ווייסע וואַסער, אָבער ס׳מאַכט ניט אוים, מ׳קען דאָס טשיפּקעלע אויסבאָדן.”

און זי איז מיט אימפּעט אין עס-צימער אַריינגעשפּרונגען, דאָס הינדל אַ כאַפּ געטאָן, און באַץ . . . אין טאָפּ שטשאַוו (ספּינאַטש) אַריין!

דאָס הינדל האָט זיך געצאַפּלט, געראַנגלט, געמאַכט מיט די פליגעלעך, געריסן דאָס קעפּל אויף אויבן. זי איז אָבער געווען צו שוואַך זיך אַרויסצוכאַפּן פון פולן טאָפּ.

און סאָרעלע, וואָס האָט נאָר וואָס געשטראַלט פון איר קלוגן איינפאַל, איז צעטומלט געוואָרן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און איז פון הויז אַרויסגעלאָפן. דאָס הערצל האָט

איר פֿאַרקלעמט און זי האָט שיר ניט אָנגעהויבן וויינען. דערווייל זיינען אירע כאַווערטעס צוגעלאָפֿן און זי איז מיט זיי שפּילן אַוועק און אָן דאָס הינדל פֿאַרגעסן.

סאַרעלעס עלטערן זיינען אַהיים געקומען. די מאַמע האָט צום טיש געגרייט, טעלער צושטעלט און דעם טעפּל שטשאַוו אַרויפֿגעבראַכט. אָבער ווען זי האָט עס צום טאַטן אין טעלער אַריינגעגאָסן, איז דאָס דערטרונקענע הינדל אַריינגעפֿאַלן...

צוערשט האָבן זיי זיך דערשראָקן. דערנאָך האָבן זיי זיך אָפּ'ן קאָל צעלאַכט: מען האָט פֿאַרשטאַנען וועמעס כאָכמע ס'איז געווען. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל...

און אַז סאַרעלע איז אַ פֿאַרשטיפֿטע אַהיים געקומען, האָט זיך צו איר די מאַמע מיט אַ שטרייגן טאָן געווענדעט און געפֿרעגט וואו איז דאָס הינדל. צוערשט האָט סאַרעלע ניט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס מען רעדט צו איז אַזוי שטריינג און האָט אומשולדיק און כיינעוודיק אַלעמען אָנגעקוקט. אָבער אַז די מאַמע האָט איר אַ פֿרעג געטאָן וואָס זי האָט געטאָן מיט איר טשיפּקעלע, האָט זי שטיפֿעריש אויסגעשריען: „גאָר ניט, מאַמעלע, זי איז געווען זייער אַ שמוציקע, האָב איך זי אויסגעבאָדן”!

אָפּגעטאָן אַ שפּיצל

ניט אין גאָרטן אויף די בייטן
וואַקסן בלימעלעך אַצינד —
אויף די שייבלעך זילבער-קווייטן
קריצט און מאָלט פאַר מיר דער ווינט.

זילבער-קווייטן, ווייסע בוימער,
איינס אויף איינס, אַן עמעס וואַלד; —
עפּשער וועט אַ וואָלף אַ בייזער,
צי אַ העזל קומען באַלד?

אין אַ ווינקעלע פון שייבל
שטייט דער פעטער שנייער ברייט;
אַפּ'ן קאָפּ אַ צוקער-מיצל,
און פון נאָז אַ פּאַרע גייט...

שטייט אַ קאַטשקע מיט אַ שנאָבל,
לויפט מים מייזל לאַנגער-עק...
אָבער וויי! וואו איז עס פּלוצלונג
פון דעם פענסטער — וואַלד אַוועק?

כאַ, כאַ, כאַ, די זון דער קונדעס,
האָט מיר אָפּגעטאָן אַ שפּיצל —
האָט צעשמאָלצן וואַלד און קווייטן
און דעם שנייער מיט זיין מיצל!

אַ שניי גייט . . .

אין ווינטער'ס פאַרפרוירענע שלעסער,
פּאַלאַצן פון פראָסט און פון אייז,
זיצן באַלד שוין אַ יאָר ווי געפאַנגען
פעדער-שנייעלעך, בלאַנקע און ווייס.

ס'זיינען אומעטיק שנייעלעך קלאָרע,
ס'איז זיי לאַנגווייליק שפּילן אַליין —
און זיי קוקן אַראָפּ פול מיט קינע
אויף די פריילעכע קינדערלעך קליין.

אָבער אָט זיינען אָפן די טירן
און עס הערט זיך אַ ליבלעכער קאָל —
ווערן שנייעלעך גלייך מאַלע-סימכע
זייער טרויער פאַרשווינדט מיט אַמאָל.

„אַ גוט ווינטער אייך, קלאָרינקע שנייען,
שוין גענוג פאַר אייך זיצן פאַרמאַכט —
כ'האָב פאַר אייך, גאָר אַ גוטינקע בסורע
פון דעם הערשער, דעם ווינטער, געבראַכט.

„מאַכט זיך גרייט פעדער-פּוכיקע שנייען,
פּוצט זיך אויס אין דאָס שענסטע געוואַנט,
אין אַ רעגע — און אַלינקע וואָלקנס
זאָלן ווערן מיט ווינטן געשפּאַנט.

„איר מוזט גלייך באַצירן די וועלדער,
איר מוזט איינטוליען סהאַרבסטיקע פעלד,
מיט זילבער באַשפּרינקלען די ביימער,
באַצירן די יונג-ווינטער וועלט.

„איר מוזט אויסבעטן גאַסן און וועגן,
מיט טעפּיכער קלאָרע און ווייכע
און מיט ווינטער-רויט פרישן געזונטן
פאַרבן קינדערלעכס פּענימלעך בלייכע.

„לאָזט זיך וואוילגיין און שטיפט מיט'ן קליינוואַרג,
שיינקט זיי גאָמעלקעס שניי אנשטאט בלומען;
זאָלן קינדערלעך וויסן און פילן,
אַז זייער זיידע, דער ווינטער, ז'געקומען."

פאַרוואָס איך וויין ?

„פאַרוואָס איך וויין?"
— פון נאַכעס, קינד,
כ'בין איצט דאָך אַזוי רייך, —
צוויי אויצער'לעך פאַרמאָג איך זיך,
ווער איז צו מיר דען גלייך ?

אַ שמייכעלע, אַ כאַכמעלע,
אַ טענצעלע, אַ ריר;
און אַלע, אַלע דאַיגעס, קינד,
אַנטלויפן גלייך פון מיר.

פאַרוואָס איך זיפץ ?
— פון צאָרעס קינד,
ס'אַ מאָדנע, מאָדנע וועלט —
פאַר אַלץ, מיין ליבער זונעלע,
פאַר אַלצדינג בעט מען געלט.

פאַר שיכלעך — געלט,
פאַר קליידלעך — געלט,
באַצאָל פאַר פיש און ברויט;
ניטאָ ? — טאָ נעם די אויצערלעך
און ראַנגל זיך אין נויט.



אַ מייסעלע

רייכע פירן הינטעלעך,
אָרימע — די קינדערלעך,
אין לופטיקן, אין זוניקן,
אין האַרבסטיק-גאָלדענעם פּאַרק.

די קינדערלעך פאַרמאַגערטע
מיט מאַמעס מיד-געבויגענע;
די הינטעלעך געכאָליעטע —
מיט „מאַמעס" פריש און שטאַרק...

די הינט מיט זילבער קייטעלעך,
מיט האַלזבענדער באַגילדעטע,
לאַסטשען זיך צו קינדערלעך
און בעטן זיך אַ שפּיל.

ווערט פרייד ביי קינדער אָרימע
מיט הינטעלעך געווירעשע:

מען יאָגט זיך און מען קוליעט זיך,
מען קוויטשעט פיל מען וויל...

פאַרדריסט עס „מאַמעס" הינטישע,
מיט פוסטע קעפּ פאַרריסענע,
און ס׳כאַפּן הינטלעך שטיפערשע
אַ פּאַרציע אָן אַ שיר...

שוין צייט פאַר הינטלעך לייטישע
צו וויסן מידעס גווירישע:
מיט אָרימקייט מ׳שפּילט זיך נים,
מ׳רייסט ביי יעדן ריר...

עס ווײַדלען שטיל די הינטעלעך
און גלאָצן מיט די אייגעלעך
אַף „מאַמעס" שלעכטע, הינטישע,
און קענען נים פאַרשטיין:

פאַרוואָס פאַרטרייבן קינדערלעך?
פאַרוואָס צו שטערן ס׳שפּילן זיך?
פאַרוואָס אַנטלויפן קינדערלעך
צו מאַמעס מיט געוויין?

נאָר מאַמעס צאַרטע, אָרימע
באַגעגענען די קינדערלעך
אַנטוישטע און באַליידיקטע,
פאַרוויינטע און פאַרשעמט.

זיי קושן אוים די טרערעלעך,
זיי גלעטן אוים די ביינדעלעך
און טרייסט פֿאַרהיילט די הערצעלעך
צעווייטיקט און פֿאַרקלעמט.

עס שפּילט די זון, די האַרבסטטיקע,
אין טרערעלעך פֿאַרבליבענע
און הענטלעך צאַרטע, קינדערשע
די מאַמעס נעמען אום...

עס ווערט אַ בונד געבאָרן דאָ
פֿון ליבשאַפֿט און פֿאַרשטענדעניש:
פֿון מאַמעס מיט די קינדערלעך,
פֿון קינד מיט אַלץ אַרום...

הונדערט-זעקס-און-צוואנציק

קריסטמאס מאַטאָנעס

אין פּרעכטיקע פענצטער, אויף ווינטיקע ראָגן,
„סאנטאס" מיט פוטער און שניי-ווייסע בערד,
זיי זאָגן צו קינדערלעך בערג מיט מאַטאָנעס
לעקאָוועד גאָט-יעזוס, דערלייזער פון ערד.

די קינדערלעך גלויבן און ווינטשן און האָפן,
אַז „סאנטא" וועט קומען דורך קוימען צו זיי,
פּונקט קריסטמאס ביינאַכט, ווען זיי ליגן און שלאָפן,
און צוגרייטן אַל-דאָס-געווינטשטע פאַר זיי...

עס בליאַסקען וויטרינעס מיט זילבערנע שנייען,
מיט ליאַלקעס, מיט באַנען, מיט בערן און קעץ...
נערוועז לויפן אויגן . . . דאָס קינד ווערט פאַרציטערט
און צאַפּלט ביים פענצטער, ווי פיש אין אַ נעץ...

עס שלעפן די קינדער די מאַמעס אין קראָמען,
צו „סאנטאס", וואָס שמייכלען מיט כיין פון דער וועלט,
און ס'קלאַפּן פאַרקלעמטע די קינדערשע הערצלעך,
ווען „סאנטא" וויל האָבן פאַר איטלעך זאַך געלט!...

עס פילן די קינדער, אַז עמיצער נאַרט זיי,
עס קרישלט זיך האָפנונג אָן מיעסער וואָר,
עס ווערן זיי קלערער די הייליקע ליגנס,
ס'דערמאָנט זיך אַנטוֹאשונג פון פאָריקן יאָר...

שטייען די קינדער מיט אויגן פאַרשטאַרטע —
עס נאָגט זיי אַ בייסיקער, טיפער פאַרדראָס,
די באַיקע פון לערער, פון גאַלעך און „סאנטא"
צעפּלאַצט ווי אַ גלאנציקער זייפענער בלאָז...

די מאַמעשע רייד וועגן אָרימע, רייכע
ווערן צוביסלעך פאַר קינדערלעך קלאָר:
„דאָס גוירישע קינד האָט אַ שטענדיקן קריסטמאס —
זיי קריגן מאַטאָנעס אַ קיילעכדיק יאָר"...

ס'זיינען ניט שולדיק די טאַטעס און מאַמעס,
אַפילע ניט „סאנטאס" פאַרשטעלטע, מיט בערד,
וואָס מוזן פאַר ברויט שפּרייטן הייליקע ליגנס
פון יעזוס דערלייזער און רעטער פון ערד!

די שולדיקע וועלן מיט פּויק און מיט טומל
דעם קריסטמאס באַגריסן אין פּרעכטיקער היים,
און קלייבן די פּרעמדע, גערויבטע מאַטאָנעס
פאַר זייערע קינדער פון קריסטמאס בוים!...

ס'פאַרשטייען איצט קינדער דעם טאַטן און מאַמען,
אָן קריסטמאס-מאַטאָנעס און אָן צופיל געלט —
זיי פילן אַז ליגנס פון יעזוס און „סאנטא"
איז פּרוכטבאַרער מיסט פאַר אַ שענערער וועלט!

געקויפט אַ יעזוס

אַ קאַלטער שנייעדיקער ערעוו-קריסטמעס ווינט דרייט אין דער לופטן אַ געדיכט-ווייסן, קלעפּיקן שניי; גאַסן, וועגן שפּרייטן זיך ווייס און גלאַט, און טיף-געמאַכטע סימאָנים פון פאַרבייגייער ווערן אין אַ רעגע אויסגעגלעט, פאַרקערט, ווי קיינמאָל ניט געווען.

דזשאָזעפין מיט איר קליינעם דזשאַני באַם האַנט, איינגעדרייט אין דרייען פון קעלט און שמייסנדיקן שניי, איילט זיך אין „שטאָט" אַריין — ס'איז שוין באַלד, אָט טאַקע מאָרגן, דער הייליקער יאָמטעוו, און נאָך גאָר פאַרן קינד ניט איינגעקויפט — ס'איז אַ ביזאָיען פאַר לייטן און אַ ווייטיק... אָרימער דזשאַני!

דזשאַני שלעפּט קוים די פיס אין טיפן שניי, אָבער ער זאָגט גאָרניט און שפּרייזט נאָך דער מאַמען — ווי גוט ס'וועט אים באַלד זיין! קוים אַמאָל זיך שוין אויסגעקליבן גיין „שאַפּינג", ווי אַלע אַנדערע. און ער ציטערט באַצייטנס פון אומגעדולד און סימכע צו אָנקוקן די אַלע שיינע און גוטע זאַכן, וואָס אַלע קינדער דאַרפן קריגן אין גרויסן יאָמטעוו.

* * *

אין גרויסן דעפּאַרטמענט סטאָר איז יאָמטעוודיק: ליבע וואַרימקייט, העלע ליכט, רויט און גרין באַפּוצטע ווענט, גאָלד, גלאַנץ און גליטער שיינט אַראָפּ פון די וואונדערלעך-באַצירטע מאַרמאָרנע זיילן און צעשפּרייטן זיך ברייט און

ראכוועסדיק אויפן מענטשלעכן מוראַשניק, וואָס שטופּט, יאָגט זיך און אײַלט פון אַלע זײַטן.

וואונדערבאַרע זאַכן, קינסטלעריש אויסגעלייגט, אויסגע־שטעלט אין די גלעזערנע קאַסטנס, אויף אויסגעצירטע טישן, לאָזן ניט פאַרבייגיין גלייכגילטיק — ס'אַראַ רייכטום, ס'אַראַ פּראַכט — עס לאַקט, עס וועקט שוין לאַנג איינגעשלאָפענע פאַרלאַנגען נאָך געננים, שיינקייט... קיינער קוקט ניט גלייך פאַראויס, יעדנס אויגן וואַרפן זיך אַף אַלע זײַטן... מ'איז אויפגערעגט...

דזשאָזעפין און דזשאַני דרייען זיך אַריין דורך דער טיר און בלייבן שטיין פאַרגאַפטע, צעטומלטע... אַזאַ פּאַלאַץ, אַזאַ קראַפט!

— אָ, מאַ! — שרייט אויס דזשאַני, און ציט איר גלייך פאַראויס מיטן שטראָם.

אָבער דזשאָזעפין האַלט אים צוריק מיט אַ ווייטעקדיקן שמייכל:

— מיר קענען דאָ ניט קויפן, ניט איצט, קינד מיינס. לאָ־מיר אַראָפּגיין אין „בייסמענט", און אַז מירן נאָך האָבן אַביסל צייט, וועל איך דיר לאָזן אַרומקוקן... טייערע זאַכן זיינען דאָ אַף דער וועלט.

*　*　*

אין „בייסמענט" שטיקט, קוים צו אָטעמען. די דורכ־גאַנגען זיינען באַלאַגערט, אויף די טישן אָנגעוואָרפן, אין הורבעס, וואַלגערן זיך קליידער, שיך פּוצזאַכן, היט, גלע־זערנע און זילבער־בלעכענע צירונג, וועש, צאַצקעס, אַלצ־דינג, וואָס אַ מויאַך קען אַ טראַכט טאָן און אַ מויל קען אויס־ריידן.

מענטשן שטופּן זיך מיט די עלנבויגנס, ראַיען זיך אין די הורבעס אַפּפּאַל, וואָס מ'האָט אויסגעבראַקירט פון „אויבן", נישטערן, טאַפּן פון טיש צו טיש, פון זאַך צו זאַך.

דזשאָזעפין האָט נאָר אַ קליין ביסעלע געלט, און וואָס צו קויפן ווייסט זי נאָך דערווייל אַליין נישט — לאָזט זי זיך מיטן שטראָם, האַלטנדיק ביידע הענט אַרום איר קינד, מ'זאָל אים ניט צוקוועטשן. זי שאַרט זיך אַרום די טישן, קוקט מיט גרויס-באַגייסטערטע אויגן אַף אַלץ, און אינסטינקטיוו דער-לאַנגט זי אַ נעם דאָ אַ שיין אנצוגל, וואָס פּאַסט זיך פּונקט פאַר דזשאַנען, דאָ אַ פּאָר גוטע לעדערנע שיך, וואָס ער מוז אַזוי האָבן — זי הויבט עס אויף פאַר אירע אויגן, באַטראַכט עס. . .

נאָר אָט האָט דאָס פאַרקויף-מיידל מיד אַ שמייכל געטאָן צו איר:

— קען איך אייך העלפן?

און דזשאָזעפין, וואָס האָט אָקאָרשט זיך גענומען צו די פּלעטלעך מיט די פּרייזן, ווערט רויט-פאַרשעמט און לייגט עס גיך אַוועק. . .

דזשאַני בעט זיך:

— מאַ, קויף שוין עפּעס. אָט אַ זעסט, יענע ברוינע שטורם-היטעלע מיט די אויערלעך; אָדער גאָר אַ פּאָר „בוטס", אָדער אַ שעפּסענעם פּעלצל, ווי מייקל האָט. . .

און אויפהויבנדיק זיך אַף די שפּיץ פינגער, רירט ער יעדע זאַך אָן מיט אַזאַ יירעס האַקאָוועד, ווי ס'וואָלט געווען אַן אויצער. . .

נאָר דזשאָזעפין מיט איר קינד גייט און גייט. ביידע אויפ-גערעגט, אומגעדולדיק און אַביסעלע אַנטוישט. . .

אָט איז אָפּטיילונג פון צאַצקעס — ס'גלאַנצט, עס קלינגט, עס הוזשעט, קינדער לאַכן, יאָגן זיך אויף אַ „ווייַלע" אויף די

וויג-פערדלעך, כאַפּן אַ פּאָר אויף אַ ביסיקל, פּרואוון אויס אַ מאַשינדל, וואונדערן זיך, ווי דער נעגערל מיט דער פּרו־זשינקע טאַנצט און פייקלט. . .

דזשאַני רייסט זיך אַרויס פון דער מאַמע׳ס האַנט און לויפט נייגעריק פון איין זאַך צו דער אַנדערער, קוקט אַרויף צו דער מאַמע׳ן, פרעגנדיק שטום:

— נו? . . .

אָבער די מאַמע מורמלט:

— ניין, מיין קינד, ניט דאָס, צו טייער.

זיי גייען פאַרביי אַ שיין־אויסגעפּוצטן „סאַנטאַ-קלאוז", אין רויט און ווייס-באַפּוצטע קליידער, מיט אַזאַ ברייטן טיי־ערן שמייכל, און דזשאַני׳ס האַנט ציטערט פון דערוואַרטונג: „דאָ וועט ער געווייס עפּעס קריגן". שוין אַזוי לאַנג ווי אין שול רעדט מען וועגן דעם גוטן „סאַנטאַ", וואָס שיינקט מאַ־טאַנעס פאַר קינדער. אָבער ער גייט פאַרביי, קריגט פון „סאַנטאַ" אַ ברייטן העלאָ, און דאַטס-אָל. . .

און אָט שטייען זיי שוין באַם באַפּוצטן ווינקל, מיט רויטע ליכט באַלויכטן, מיט גרינס און זילבער־שניי באַשאָטן. ביל־דער הייליקע פון מאַריע׳ן און יעזוס׳ן אין אַלערליי פּאָזעס. ליימענע, גיפּסענע, בראָנזענע פיגורקעס פון גאָט און גאָט׳ס מאַמע קוקן פון אונטן אַרויף אויפן פאַרבייגייענדיקן אוילעם און . . . שמייכלען, דוכט זיך, צו זיך — זעלבסטצופרידענע — אָט דאָס זיינען זיי שולדיק אין גאַנצן יאַריד. . .

דזשאַני, שוין אַביסל אַ דערשלאָגענער, שרייט אויס שטיל:

— אָ, דזשי, סאָראַ שיינקייט, — און רירט יעדע זאַך מיט זיין ציטערדיקער האַנט.

דזשאָזעפין שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַרום די רואיק-צופרי־דענע געטער און גאָט׳ס מאַמע, באַטראַכט די פלעטלעך מיט די פּרייזן, און אויף איין קליינער פיגורקע מיט אַ שטראַלנ־

דיקן קאָפּ, פאַרגלאָצטע אויגן און פאַרקרייצטע הענט, שטעלט זי זיך אָפּ. . .

„די ביליקסטע זאַך", פליט איר דורך אַ געדאַנק, „אָט אָ דאָס וועט זי טאַקע קויפן". און ווייזנדיק עם דזשאַני'ן, פרעגט זי:

— איז דאָס ניט אַ וואונדערבאַרע זאַך?

דאָס קינד, — מיד פון זיך אַרומשלעפן, אַנטוישט פון „סאַנטא", אויפגערעגט זיך, אַ גליקלעכער, שטרעקט אוים די האַנט און וויל עס אַ כאַפּ טאָן. . .

— וואַרט, טייערינקער, אָט וועל איך עס איינפּאַקן, — שטעלט אים אָפּ דאָס מיידל, און צונעמענדיק בײַ דזשאָזעפין די עטלעכע סענט, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט אין איר פאַר-קוועטשטן קולאַק געהאַלטן, דערלאַנגט זי אים דאָס פּעקעלע.

דזשאַני איז גליקלעך — קוים זיך דערוואַרט. . .

און דזשאָזעפין, אויסגעמאַטערט, אַביסל אומצופרידן, איילט זיך מיט איר קינד אַהיים, טראַכטנדיק בײַ זיך אין האַרצן: „אָרימער קינד, זאָל שוין זיין אַ יעזוס, אַבי עפּעס".

נאַכט

רויטער וואָגן, גרויע פערד
פירן יונגע נאַכט צו ערד;
אין דעם בויד זי זיצט אַליין,
אַפן קאָפּ אַ שטערן קרוין.

וואָלקן טראָגן נאָך איר שלעפּ
פון דעם פיינסטן זעפיר קרעפּ;
קוקט לעוואָנע אַן און קוועלט,
שיקט אַ גרוס אַראָפּ דער וועלט...

באַ אַ קוים באַלויכטן הויז
שטייגט די נאַכט פון בויד אַרויס . . .
שלייכט באַם פענסטער, וואַרט באַם טיר
עפּשער רעדט מען דאָרט פון איר?

און אַט הערט זי מיטאַמאָל
ס׳קלינגט אַ שלעפעריקער קאָל —
קינד מיט אויגעלעך פאַרמאַכט
מורמלט שטיל: „אַ גוטע נאַכט!״

אין שטיפער - לאַנד

וועןָ עס קומט די נאַכט
און קלעפּט צו קינדערס אויגן
אויבן אָן די ווענט פון הויז
ביסלעכווייז זיך בויגן.
עפנט זיך די גאַנצע הויז,
ווערן קינדער פרייע
און זיי לאָזן זיך אַרויס
זוכן לענדער נייע.
ווערט דאָס קישעלע אַ שיף
און די בעט — אַ טייך
ציט מען שטייף די זעגלען אָן
און מען לאָזט זיך גלייך
צו דעם פרייען שטיפער-לאַנד
וואו אַלצדינג מעג מען טאָן,
ווייל קיין לערערס און קיין מאַמעס
זיינען דאָרט ניטאָ.
באַם אַריינגאַנג אַזאַ טויער
מיט אַ הויכן שפּיץ,
ווילסטו — קלעטער, שפּרינג אַרונטער
ווילסטו ניט — טו זיץ.
כאָטש אַ טאָג, אַ נאַכט אַ גאַנצע
הוליע און געניס,
וועסט צערייסן דיינע זאַכן
בלייבט גאָר ניט קיין ריס.

היינט די מאָדנע וואונדער-הייזער
אין דעם שטיפער-לאַנד —
שפּיגלען גרויסע און קרישטאָלן
איז אין יעדן וואַנט.
און פון אַלע ווינקלען שפּארן
שימערט דאָ מיט גלאַנץ,
קענסט דאָ ברעכן, קענסט דאָ שטעכן
סיי ווי בלייבט עס גאַנץ.
ליאַלקעס-ריזן אין די וועגלעך,
ווילדע רייטער - פערד,
און מיט בלומען, פריי צו רייסן,
איז באַדעקט די ערד.
היינט די אַלטוואַרג פון מאַשינעס —
רעדער, גומי, קיט —
דאַרפסט ניט זוכן — דאָ און דאָרטן
ליגט אַ גאַנצער זשמיט.
קענסט מיט האַמערס שווערע קלאַפּן,
טופּען, בראַזגען, טאָן,
קיינער וועט דיר גאָר ניט שטערן,
קיינעם גייט ניט אָן.

קריג

(מאָנאָלאָג פון אַ אינגל)
(כאַימקען אַ מאַטאָנע)

עס איז היינט געווען מילכאָמע
צווישן מיר און צווישן מאַמען,
פּעק מיט זינד און בערג מיט טאַינעס
האָבן מיר געבראַכט צוזאַמען —
איך זאָג, מאַמעלע איז שולדיג:
הייסט מיר טרינקען,, הייסט מיר עסן,
לאָזט קיין זאַך ניט טאָן קאַפּויר,
קיין זאַך טאָר מען ניט פאַרגעסן —
וואַשן ס׳פּאָנים, מויל און אויער...
ס׳דוכט זיך איר — ס׳איז אַ שפּילכל
האַלטן וואָרט און טאָן די פליכטן,
ס׳דוכט זיך איר, אַז איטלעך טאָעס
איז עס אַזוי גרינג פאַרריכטן.
און וואָס פאַר מיר איז שפּיל און שפּאַס גאָר
איז בא איר אַ זינד... סאַקאָנעס!
שטראָפט זי מיר און זאָגט מיר מוסער
אָן פאַרוואָס און אָן ראַכמאָנעס...
פּאַשעט שוין ניט אויסצוהאַלטן —
פון דער מאָדנער, שלעכטער מאַמען
ס׳ווילט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן
כ׳קען שוין מער ניט זיין צוזאַמען...
דוכט זיך אַלץ איז קלאָר און פּאַשעט —
מאַמע איז צו שטריינג און שלעכט;
הויבט זי אָבער אָן צו טאַינען,

קומט אוים, זי איז גאָר גערעכט ?! ...
הערט — איך בעט אייך —
עסן — וועל איך זיין אַ גרויסער,
לערנען — וועל איך זיין אַ ווייסער,
האַלטן וואָרט — וועט מען מיר טרויען,
ריינקייט — וועט מיין קערפּער בויען;
פּינקטלעכקייט — דער גליק דער גרעסטער,
פליסיגקייט — איר לייבלעך שוועסטער.
שפּילן זיך? גערוים ... מיט שייכל,
ווילדקייט איז זי גאָר מיר מוחל;
און ראַכמאָנעס? וואָס ראַכמאָנעס ...
אַז עס לויערן סאַקאָנעס ...
נאָר די גרעסטע, שטאַרקסטע טאַינע
איז — איך עס איר אויף דאָס לעבן,
און זי האָט פון מיינעטוועגן
טעג און יאָרן אָפּגעגעבן ?!
קען איך שוין אַזוינס ניט גלויבן —
לעבן, קען מען אויך דען עסן ?! ...
איך? — גענומען טעג און יאָרן ?
אָדער ... האָב איך זיך פאַרגעסן ?
מאָדנע, כ׳לעבן!
איינמאָל זאָגט זי — האָניק-זיסער,
ס׳צווייטע — כ׳מאַך איר ביטער ס׳לעבן.
און די צאָרעס און די דאַיגעס —
אַלץ האָב איך עס איר געגעבן ?!
און וואו האָב איך זיי גענומען ?
הויב איך גאָרניט אָן צו וויסן ...
און זי טאַינעט, טאַינעט ווייטער,
הויבט די זאַך מיר אָן פאַרדריסן ...

ווער איך בייזער נאָך אויף מאַמען,
ווערט די מאַמע בייז אויף מיר,
און צום סאָף פון דער מילכאָמע,
כליפּע איך פון הינטער-טיר . . .
נאָר ביינאַכט, ווען כ׳לייג זיך שלאָפן,
האַלט איך אויגן שטייף פאַרמאַכט,
הער איך טאַטע-מאַמע ריידן
און מען לויבט מיך און מען לאַכט . . .
קוועטש איך שטייפער צו די אויגן,
הויב אָן כראָפּן אויפ׳ן קאָל . . .
און איך פיל ווי מאַמע קושט מיר,
איטלעכס גליד אַ הונדערט מאָל . . .
קריג איך אַזוי ליב מיין מאַמען,
אַז איך וויל זי זאָל עס פילן,
נאָר איך ליג שוין אַ געשמידטער
פון אַ שלאָף אַ זיסן, שטילן . . .
שרעק איך זיך ניט מער פאַר טאַטנס —
ס׳איז אַ שפּאַס באַ מיר אַ קריג,
כ׳ווייס אַז וואָס איך זאָל ניט אָפּטאָן,
ווערט צום סאָף זיין מיינס דער זיג . . .



די אָפּגעגאַרטע פליג

ס׳איז אַ לאַנגער, וואַרימער און ליכטיקער זומער געווען. די פליגעלעך זיינען אומעטום פול געווען: זיי האָבן זיך געבאָדן אין די ליכטיק-וואַרימע שטראַלן פון דער זון, געגאַשט פון יעדער זאַך צוביסלעך, אויף די בלומען און פרוכטן גערוט און געשלאָפן ערגעץ-וואו מיט די לאַפּקעס-קישעלעך צום וואַנט אָדער בוים צוגעפּרעסט.

צעפרידן און גליקלעך זיינען זיי געווען. נאָר אָט איז דער בייזער האַרבסט געקומען. ער האָט, אָן ראַכמאָנעס, די ליכטיקע וואַרימע שטראַלן פאַריאָגט, די בלומען און פרוכטן צוגענומען און ס׳איז אומעטיק און קאַלט געוואָרן.

איינזאַם זיינען די פליגעלעך פאַרבליבן: די פויגעלעך זיינען זיך אין זייערע וואַרימע זומער-היימען אַוועקגעפלויגן; די ווערימלעך האָבן זיך אין דער ערד פאַרגראָבן אָדער פון קעלט און הונגער אומגעקומען און אַפילע די פריילעכע קינדערלעך האָבן זיך נעענטער צו די הייזער געהאַלטן.

האָבן זיך אויך די פליגעלעך אויסגעזוכט וואַרימע, זיכערע ערטלעך — ווער אין אַ שפּאַרונקע צווישן וואַרימען אויוון, ווער אין אַ ווינקעלע אונטער אַ פּאַוויטינע און ווער גאָר אונטער אַן אַלטן בילד ערגעץ-וואו אויף דער וואַנט.

די יונגע פליגעלעך האָבן אָבער שטאַרק ניט ליב געהאַט צו זיצן פאַרשפּאַרט; אָבער אַזוי ווי אומקומען פון הונגער און קעלט האָבן זיי קיין כיישעק ניט געהאַט, האָבן זיי זיך גע־מוזט באַנוגענען פון צייט צו צייט צו כאַפּן אַ שפּאַציר איבער דער סטעליע, איבער'ן טיש, און אַז עס פלעגט זיך אַמאָל איינגעבן — אויך בּאַ אימיצן אויפ'ן נאָז. . .

* * *

איינמאָל — אין אַ זייער קאַלטן הארבסט-אָוונט איז עס געווען — האָט מען אין אויוון פייער געמאַכט.

לוסטיק מיט אַ שמייכעלע האָט דאָס רויטע פייערל גע־קנאַקט; שטיפעריש געוואונקען און געלאַכט צו זיך. . .

אַן עלטערע פליג איז זיך אין איר ווינקעלע אַנטקעגן גע־זעסן, פעסט צום ווענטל צוגעטוליעט און געקוקט און גע־טראַכט. . .

און איר האָט זיך פלוצלינג פאַרגלוסט אַביסל פון אָט דער וואונדערלעכער וואַרימקייט און ליכטיקייט צו געניסן — ס'האָבן זיך איר דערמאָנט די גוטע, ווייטע זומער-צייטן!

קיינער איז גראָד אין שטוב ניט געווען און זי האָט זיך געלאָזן קריכן.

לאַנגזאַם, מיט גרויס אומצוטרוי, האָט זי זיך צום פייער דערנענטערט. וואָס נענטער — אַלץ אַנגענעמער איז איר געוואָרן. שוין לאַנג האָבן אירע גלידער ניט געפילט אַזאַ ליבלעכע וואַרימקייט, שוין לאַנג האָבן אירע אויגן ניט געזען

אַזאַ ליכטיקייט. „גאָר ווי אין זומער" — האָט זי באַ זיך אין האַרצן אַ טראַכט געטאָן, און נאָך דרייסטער און מונ־טערער האָט זי זיך צום פייער גערוקט. באַלד איז איר שוין אַביסל צו היים געוואָרן, זי האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט.

און די פייערלעך האָבן אַלץ ווייטער און ווייטער איר אַנטקעגן געשמייכלט; מיט צאַרטקייט און צוזאָג האָבן זיי געלאָקט און גערופן!

באַלד איז די נייגעריקע פליג צום עמעסן פייער צוגע־קומען — דורך איר גאַנצן קערפּער איז מיט אַמאָל אַ טויט־שוידער דורכגעלאָפן, די אָפּנאַרערישע פייער צונגען האָבן זיך מיט אַמאָל צו איר שטאַרק אַ צי געטאָן, אַ נויג געטאָן, אַריינגעכאַפּט זי אין זייערע הייסע, גליענדיקע אָרעמס און זיך אַוועקגעלאָזן צוזאַמען מיט איר אין גלאַנציקן טאַנץ פון פייער און טויט. . .

פאַרלאַנגען

פאַרלאַנגען אין אייזערנע צוימען
איך פיר זיי וואוהין נאָר איך וויל:
אָט לאָז איך זיי שוועבן אין רוימען,
אָט וויג איך זיי איין אין דער שטיל.

געפילן ווי פויגלען אין שטייגן —
איך צאם אין מיין האַרץ זייער שוואונג:
זיי וואַרקען ווי טויבן, זיי שווייגן,
זיי שפייען מיט גיפט פון מיין צונג.

אָבער פריי ווי דער ווינט איבער מילן
און קלאָר, ווי פון האַרצן אַ פונק
איז שטאָלצער באַוואוסטזיין פון ווילן
און אים פאָלג איך נאָך אָפן וואונק.

שטערן - שטיפערלעך

אויפ׳ן הימל, אויפ׳ן בלויען
וואוינען שטערן, שטיפערלעך,
וועלטן בלויע און רויט
פינטלען מיט די אויגעלעך
צו די גוטע קינדערלעך
גריסן זיי מיט שטראַלעכלעך
פון דער ווייטער ווייט;
לאָקן זיי אַהינצוצו,
אין דער בלויער הויך
וואו ס׳דערגרייכט אַפילע ניט
קיין וואָלקן אָדער רויך!

האָבן ליב די קינדערלעך
אָט די וועלטן-שטערנדלעך
בעטן זיך און ציען זיך
אין ווייטער הויך אַרויף,
ס׳גלוסט זיך זיי ווי שטערנדלעך
אין הימל פריי אַרומשטיפן
און לייכטן אויף דער ווייטער ערד
און ווינקען אָן אַ סאָף.

אין דערנאָך אַ היים קומען
און שפּילן מיט כאַוויירימלעך
און מייסעלעך גאָר שייניקנע
דערציילן אָן אַ שיר.

פון ווייטע וועלטן-שטערנדלעך,
וואָס שפּילן זיך „באַהעלטעניש"
און וואַנדערן אין הימל-רוים
פון ווייסן „מילכיק-וועג".

גרוסן

יעדן טאָג און יעדער שאָ
זוך איך פון דיר גרוסן, היים מיינע,
מיין רויטע, שטורמדיקע היים!
און כ׳שעם זיך ניט,
אַז וואַסערן זיך פון פרייד די אויגן מיינע,
ווען כ׳פיל ווי סאָנים ווערגן זיך
מיט דיין ניצחון
און ס׳שוימט אַ שאָם משוגענער
אַרום די בעסטיע-מיילער,
ווען זיי דערציילן אונז
פון בינען-פליים און אַכדוסדיקן מאַרש דיינעם
מיט גוואורע און פאַרנעם
פון מענטשן-געטער...
עס צאַפּלט זיך מיין האַרץ,
ווען כ׳פיל ווי ס׳קאַרטשן זיך
און ס׳דרייען זיך די שראַצים קריכיקע
און כיטרע שלאַנגען
אין אָנמאַכט קעגן דיר —
דעם יונגן בליענדיקן ריז...
אָ, וואַרפט זיך, שיפעט גיפטיק בייזע צינגער
פאַרהילכן קענט איר ניט
דאָס יובלענדיקן געזאַנג

פון איינגעשפּאַנט — געהאָרכזאַמע מאַשינען
פון טויזנטער מאָטאָרן און טורבינען,
פון ריזן-טראַקטאָרן — געוועלטיקער
איבער דעם יונגפרוילעכן ראַכוועס
פון פרייען, ברייטן סטעפּ...
פאַרשאָלטן זיינען מיילער אייערע און הענט,
וואָס צווינגען זיך אַליין
אין ווילסטער טויט-אַגאָניע
פאַרפאַרטיקן, פאַרגרייטן דאָס געווער
פון רויטער, שטורמדיקער בוי-סימפאָניע
אין מיין געגאַרטער, האָרעפּאַשנער, פרייער היים...
זיינען ליב מיר אַלע גרוסן
סיי פון פריינט און סיי פון פיינט
און איטלעכס לאַנד אין ווייטסטן עק פון וועלט
איז בלויז אַ ווינקעלע פאַרוואָרפענער
פון דיר, מיין היים,
און איטלעכס ווינקל וואַרט שוין אויף זיין ריי,
און איטלעכס ווינקל וואַרט שוין אויף דער צייט,
ווען אויפגיין וועט דער שטורעם, וואָס דו האָסט פאַרזייט
און אָפּראַמען פון וועג די פוילענדע רואינען...
זוך איך און איך קריג מיר
איטלעכס טאָג און איטלעכס שאָ
אַ נייע פרייד — אַ נייעם גרוס!
אַ גרוס פון בלוטענדיקער אינדיע,
פון העלדיש קעמפנדיקער כינע,
אַ גרוס פון פערו אויסגעבויטער,
פון יערונג אין דער ווייטער אַרגענטינע,
אַ וואַרים-האַרציק גרוס,
פון דייטשן רויטן זיג.

אַן אויסגאַנג פון אַ סאַצ-געוועט
אין רויטער מיין, פאַבריק,
אַ גרויס גערעטעניש, אַ דנעפּרבוי,
אַ קראַפט-סטאַנציע, אַ ריזן-בריק...
ס'איז איטלעכס נײַס — אַ גליק...
און גרוס צו גרוס,
און קלאַנג צו קלאַנג —
אַ מעכטיק-יובלענדיק געזאַנג
פון אויפגעריכטער וועלט
אין אַלע ווינקעלעך פון דיר, מיין גרויסע
האַפנונגספולע, פרייע היים...

ליד פון מי *

ניט קיין שטעקל, ניט קיין דריי,
אַ פּאָר אָקסן מיט אַ פערד,
פעלד און סטעפּעס ברייט און פריי
און אַ טרייע מאַמע-ערד.

ניט קיין טוישעוו באַ דער נויט,
ניט קיין הויקער ביי דער וועלט —
מיט זיין שווייס — זיין אייגן ברויט
שניידט ער פון זיין אייגן פעלד.

ס'וועט דעם רעגן מיטן ווינט
איינשפּאַנען דער פרייער איד
און ווי שטאָלצער סטעפּן-קינד
ווערן פון זיין גליק דער שמיד.

ביי דעם טראַקטאָר, שנייד-מאַשין,
פון די סטעפּן-היצן מיד,
וועט ער וועבן פאַר דער וועלט
גאָר אַ נייע אַרבעטס-ליד.

אָן אַ אוי און אָן אַ וויי,
אָן האַכנאָע און געבעט —
ליד פון האָפענונג און מי
פון איד-פויערשן סאָוועט.

---

* מוזיק פון יעקב שייפער

מאַמעס טרוים

(וויג־ליד)

אין אַ וויג פון ברעטער
שלאָף מיין קליין בריליאַנט,
וועסט מיט יאָרן שפּעטער
גרויס מאַכן דיין קאַנט.

פון דאָרן שטאַם אין וואַלד
גרינט אַ יונגער דעמב —
מיט שפּיזלען — לויטער גאָלד
די זון שטריקט דיר אַ העמד.

וועלן דיינע יערעלעך
בליען באַם אַמור,
טעג און נעכט — ווי פּערעלעך
אַף אַ זיידן שנור.

ליו-ליו-ליו, מיין אינגעלע
מאַמע האָט דיך האָלט,
איינגעגנורעט אין דער ערד
שלאָפן גרודעס גאָלד.

פונקט ווי דו אין וויגעלע
דרימלען זיי אין שטיל,
ביז עס רייסט זיי אויף פון שלאָף
גרויסער שטאָלן - דריל.

שפּאַנען וועסטו ווילדע פערד —
וואַסערן אין טייך,
וועסט מיט אויצרעס פון דער ערד
לאַנד אונדז מאַכן רייך.

קינדער וואַקסן גיך אין שלאָף
האַלט די אויגלעך שטייף,
פאַסטוך טרייבט פון פעלד די שאָף
הער ווי ס׳שפּילט זיין פייף . . .
— — — — — — —

זינגט פון סאַפּקע ווינטל מילד
דורך געצווייג פון בוים
פאַר איר אויג אַ שיינעם שילד
מאַמע זעט אין טרוים:

אַ שילד באַם אַלטן שטיבעלע
מיט וויג פון פראָסטן האָלץ —
„די היים פון מייסטער אינזשענער,
בירא-בידזשאַנער שטאָלץ״.

אַ גרוס די בירא־בידזשאַנער קינדער

אַ האַרציקן גרוס אייך,
קינדערלעך פרייע,
פון בויער און שמידער
אין בירא-בידזשאַן!
עלטערן אייערע,
העלדן פון אַרבעט,
וועקן און פרוכפּערן
איטלעכן שפּאַן.

מיט שוויים און מיט לידער,
מיט פריידיקע טרערן,
זיי פּרעסן די ציגל
פאַר בריקן און שטעט;
זיי וואָרצלען די בוימער,
זיי פּענטען די טייכן
אין לאַנד פול מיט צוזאָג,
מיט זון און מיט זעט!

ס'איז אייער לאַנד, קינדער,
אין וויגל פון מאָרגן,
ביים זילבערנעם צווילינג
פון שיינעם אַמור.

גענגריסט זייט, איר בלימלעך
פון אידישן פרילינג,
ביי אייך איז פון ווינטער
ניטאָ שוין קיין שפור.

פרייע ווי פויגלען,
שטאַרקע ווי בערן,
איר וועט אַלטע טאַיגע
באַלד פירן אין שפאַן,
און פריידיקע בסורעס
דורך זון און דורך כוואַליעס
אונז שיקן פון גליקלעכן
בירא־בידזשאַן!

בערעלע בירָאָבידזשאַנטשיק מיט זיין טשעמאָדאַנטשיק

אַ גאַנצע נאַכט האָט בערעלע געטראַכט און געטראַכט
און אַז ס'האָט אָנגעהויבן טאָגן
האָט ער שוין בײַ זיך אָפּגעמאַכט
אַז ער'ט זיך מאַכן אַ וואָגן מיט אַ שיינעם געשפּאַן
און זיך אַרויסלאָזן צו באַטראַכטן זיין בירָאָ-בידזשאַן.

ער האָט זיינע אויגעלעך שטייף פאַרמאַכט,
אַז קיינער זאָל גאָרניט וויסן אַז ער וואַכט;
ער האָט אַפילע אַפּ'ן קאָל אַ כראָפּע געטאָן,
קעדעי די מאַמע זאָל עם דערהערן
און אים ניט שטערן שלאָפן געשמאַק.

דערווייל איז דער טאַטע מיט האַק און זעג אַוועק
און די שוועסטער האָט צענויפגעלייגט די ביכער
און ווי אַ וויכער זיך אַלאָז געטאָן אין שול געשווינט
און די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום קינד און אַז זי האָט געזען
ווי ער שלאָפט אין רו, איז זי אַוועק מעלקן די קו.

געשווינט ווי אַ טאַיגע ווינט איז בערעלע פון בעט
אַראָפּגעשפּרונגען,
זיך אַפּן קאָל צעזונגען, אויסגעטאַנצט זיך אין אַ ראָד
און אַרויסגעשלעפּט פון מאַמעס שופלאָד

בערעלע ביראָבידזשאַנטשיק אַף זײַן װײַסן פּאַזאַן

אַ קעסטל גרוים ווי אַ מעסטל,
צוויי באָול-שפּוליעס — אַקסן מיט רעדער,
אַ שטיקעלע אַלטע לעדער פאַר אַ כאָמוט,
און אַ זשמוט גאָלדענע זאַנגען
אויסצעפלעכטן אַ געשפּאַן פאַר זיין ווייסן פאַזאַן.

אַז דער וואָגן איז שוין געווען אינגאַנצן גרייט
האָט בערעלע ביראָבידזשאַנטשיק איינגעפּאַקט אין
טשעמאָדאַנטשיק
האָניק מיט ברויט, אין אַ שאָלאכץ פון אַן איי
אַ ביסעלע טיי, מילך אין אַ פינגערהוט-פלאַש
און אַ לעק איינגעמאַכטס פאַר אַ נאַש . . .

ענדום-פּענדום . . . בערעלע האָט זיין וואָגן אַרויסגעטראָגן
אַף די פּלייצעס, זיך פאַרפּלאָנטערט אין די פּעדים לייצעס
אַ כאַפּ געטאָן זיין פאַזאַן, אים אָנגעטאָן דעם געשפּאַן,
אַ זעקעלע קערנער צוגעלייגט צום באַגאַזש
און זיך געלאָזט אַף אַ וואָיאַזש
איבער דעם לאַנד צווישן צוויי טייכן,
וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן.

הופּ, פּופּ . . . דער פרייער פויגל דרייט זיך אין אַ בייגל
פול מיט טרערן זיינע אויגן, פּיסלעך ווילן זיך ניט בויגן
ער קען, נעבעך, ניט פאַרטראָגן דעם געשפּאַן מיט׳ן וואָגן
און דעם קליינעם באַלעגאַלע —
בערעלע ביראָבידזשאַנטשיק — מיט זיין אָנגעפּאַקטן
טשעמאָדאַנטשיק.

בערעלע ליבינקער, בערעלע טרייער, ווי דאָס לעבן איז דיר טייער,
נעם אַראָפּ פֿון מיר די לייצע,
זעץ זיך רייטנדיק אַף מיין פּלייצע,
האַלט צו דיין פּעקל און די קערנדלעך אין זעקל
און אַף מיין פֿליגל-געשפּאַן, ווי אַף אַן עראָפּלאַן,
וועל איך דיר טראָגן וואוהין דו וועסט נאָר זאָגן...

בערעלעס הערצעלע האָט געטאָן אַ ציטער... „אוי״, טראַכט ער, „ס'איז ביטער!״
ווי לאָזט מען איבער אַזאַ שיינעם וואָגן
וואָס ער האָט אַליין צענויפגעשלאָגן?!
און דאָ שטייט ער איינער אַליין אַפֿן מיט'ן שליאַך
אָן אַ היים און אָן אַ דאַך: וואַלד און וואַסער, באַרג און טאָל
לאַנגע שאָטנס אָן אַ צאָל... ווילדע, מאָדנע כאַיעס
מאַכן האַוואַיעס, פּאַיזשען אַף דער ערד,
איבער סטעזשקעס, איבער שליאַכן
און קייקלען זיך פֿון לאַכן
פֿון בערעלען און זיין פֿויגל-פֿערד.

בערעלע בּיראָבּידזשאַנטשיק באַטראַכט זיין טשעמאָ-דאַנטשיק,
זיין פֿאַרמאַטערטן פֿאַזאַן אין שווערן געשפּאַן
און ס'כאַפּט אים אָן אַ גרויס ראַכמאָנעס אַף זיין פֿויגל;
צעקושט ער אים דאָס שנעבעלע, דאָס אויגל
און בראַזג, בראַזג... אַף פֿיצלעך איז געשפּאַן
פֿון פֿאַזאַן און דער וואָגן,
וואָס ער האָט אַזוי קונציק צענויפגעשלאָגן...

שטייען שוין ביידע — בערעלע און זיין פּאַזאַן — אין מיטן
בירא-בידזשאַן
און די נאַכט וויגט זיך שוין אַף צווייגן; און די פויגלען אין די
נעסטן שווייגן;
פלוצלונג זעט בערעלע אַ לעוואַנע . . . ווינקט פון אַ וואָלקן
אַ שוואַרצן,
ווערט אים פרייִלעכער אַפן האַרצן, און ער זאָגט צו איר אַזוי:
„איצט זיינען מיר דריי אין גרויסן בירא-בידזשאַן —
איך און דו און מיין ווייסער פּאַזאַן —
ביסט שוין גענוג אַפן הימל געזעסן,
קום אַקאַרשט אַראָפּ און מיר'ן אַלע עפּעס עסן!"

האָט זיך די לעוואַנע צעשמייכלט ברייט און גוט,
האָט פאַרריכט אַפן קעפּל איר זילבערנעם הוט,
און זיך אַראָפּגעלאָזט באַם סאַמע ראַנד,
אָט דאָרט וואו דער הימל קושט זיך מיט'ן לאַנד.

בערעלע און דער פּאַזאַן האָבן אויסגעקליבן אַ פּלאַץ,
פון אַ גרינעם בלאַט געמאַכט אַ טאַץ,
און אַף אַ פּיען דעם טיש געגרייט:
צוערשט האָניק מיט ברויט, דערנאָך טיי אין אַ שאָלאכץ
פון אַן איי,
פאַרטרונקען מיט מילך פון פלאַש,
גענומען איינגעמאַכטס אַ נאַש,
און אַז מען איז זאַט געוואָרן
האָט מען זיך צערעדט וועגן וייטער פאָרן . . .

זאָגט די לעוואָנע צו בערעלע ביראָבידזשאַנטשיק:
„אינגאַנצן האָסטו איצט אַ ליידיקן טשעמאָדאַנטשיק,
דאַרפסטו זיך גאָרניט זאָרגן,
מיר׳ן זיך דאָ פאַרברייגגען ביז׳ן מאָרגן,
מיר׳ן טאַנצן און שפּרינגען, מיין גנום-קאַפּעליע
וועט פאַר אונדז זינגען,
מיר׳ן זיך קוויקן מיט קילן טוי פון בלומען...
און אַז די זון וועט קומען וועט דער פאַזאַן
אויסשפּרייטן זיין פליגל-געשפּאַן,
דו וועסט זיך זעצן רייטנדיק ווי אויף אַ פערד
און מיר׳ן אַלע דריי אַוועקפליען פון דער ערד...”

ס׳איז אַזוי פריילעך געווען, אַז מען האָט זיך ניט אַרומגעזען
ווי עס האָט גענומען גרויען, און די טויען פון די בלומען
האָבן זיך צעפינקלט ווי בעכערס מיט וויין
און די לופט איז געוואָרן מכאַיעדיק פיין,
די פויגעלעך אין די נעסטן האָבן זיך גענומען מעסטן
אין זינגען דער מאָרגן זון אַ גרוס . . .
און פּלוצלונג איז די לעוואָנע פון פאַרדרוס
געוואָרן בלאַס און שוואַך
און אָן אַ זיי-געזונט פאַרשוואונדן פון׳ם שליאַך...

בערעלען איז געוואָרן אומעטיק, אין הערצעלע האָט גענומען
קלעמען —
ער האָט זיך זייער, זייער פאַרביינקט נאָך דער מאַמען —
ער האָט זיך שוין פאַרגעסן אָן זיין גאַנצן פּלאַן,
אַרומרייזן ביראָ-בידשאַן,
ער האָט אַ קוש געטאָן זיין פאַזאַן און אים פאַרטרויט אַ סאָד
און נאָך שנעלער ווי אַ ראָד פון אַ פּראָפּעלער

האָט עס דערלאַנגט אַ טיאָך און אַ פּאָך
און הופּס... ווי אַ באַלון גלייך צו דער זון...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון צאַר האָט די מאַמע אויפגעהערט צו קאָכן,
זי האָט געקרעצט און געוויינט און די הענט געבראָכן,
און פון אַלע סאָוועטן האָט מען ארויסגעשיקט שטאַפעטן
צו זוכן בערעלע ביראָבידזאַנטשיק מיט זיין
טשעמאָדאַנטשיק
און זיין שיינעם פּאַזאַן איבער גאַנץ בירא-בידזשאַן.

אַף זיין לעבעדיקן עראָפּלאַן איז בערעלע געפלויגן —
פייל פון בויגן —
אַ שיף איבער יאַמען צו זיין טייערער מאַמען.
ער האָט זיך אָן די פליגל אָנגעהאַלטן
און קעדייי די שרעק צו באַהאַלטן
האָט ער אַפן קאָל געשריען און געשפּאַסט
און אַ לידעלע פאַרפאַסט...
אַ ליד ניט קיין גרויסן, אַ ליד ניט קיין קליינעם
פאַר זיך און זיין פּאַזאַן און פאַר יעדן איינעם.

„יעדעס לאַנד האָט איין נאָמען
נאָר מיין לאַנד האָט צוויי
אין אַ זילבער נעץ פון שטראָמען,
זיינען מיר דאָך פריי.

„איין נאָמען איז בירא
דער צווייטער איז בידזשאַן
פליען מיר דאַ ביידע
איך און מיין פּאַזאַן.

„מיין פויגל האָט צוויי פליגל
און איך האָב בלויז איין קאָפּ
זיץ איך אויף זיין פּלייצע
און וויג זיך אויף און אָפּ.״

בערעלע האָט זיך אַזוי צעזונגען און צעשריען
אַז ער האָט ניט באַמערקט ווי זיי פליען
איבער׳ן ברייטן אַמור, איבער׳ן שיינעם קולדור,
איבער קאָרן־פעלדער און שוואַרצע וועלדער
און אַז זיין פּאַזאָן איז שוין בלויז איין שפּאַן
פון זיין היים און גאָרטן...
ער טוט אַ קוק . . . ס׳איז כוישעך דאָרטן...
מען טראַכט און מען רעדט — מען רעדט און מען טראַכט —
וואוהין איז עס בערעלע אַוועק
פאַר אַ גאַנצינקער נאַכט?...

שטילער ווי אַ מויז כאַפּט זיך בערעלע אריין אין הויז,
פאַררוקט זיך ווי אַ בעקעלע אין עקעלע און קוקט:
אידן און אידענעס, קינד און קייט
טרייסטן מאַמען מיט גוטע רייד
און מען טראַכט און מען טראַכט און מען טראַכט
וואָס איז מיט בערעלען געשען ביינאַכט?

בערעלע, אַנגעשטעלט ווי אַ האָן, זעט שוין וואָס ער האָט
דאָ אָפּגעטאָן,
און פון אַלע זאַכן ווילט זיך אים גאָר לאַכן;
בערעלע האַלט זיך פאַר די ריפּן,
בערעלע בייסט זיך די ליפּן און . . . מיטאַמאָל
צעלאַכט ער זיך אַפן קאָל...

די מאַמע און די שכיינים כליפּען פון גליק,
די שוועסטער קושט בערעלען און גלעט זיין טשוביק,
און די אידן מיט די אידענעס, די הענט אין די זייטן,
מוסערן קלוימערשט דעם יונג, דעם פאַרשייטן.

אינמיטן אַלע קינדער שטייט בערעלע דער העלד און קוועלט
און דער פאַזאַן זיינער שטייט אין דרויסן, ווי ניט אים איז מען אויסן.
נאָר איבער'ן גאַנצן סאָוועט דערציילט די ראַדיאָ
און רעדט וועגן דער וואונדערלעכער רייזע
פון בערעלע בירא־בידזשאַנטשיק מיט זיין טשעמאָדאַנטשיק
אַף זיין ווייסן פאַזאַן איבער בירא־בידזשאַן.



מיין שוועסטערל

מיין שוועסטערל קען ניטריידן,
מיין שוועסטערל קען ניט גיין,
זי איז דערווייל פאַרנומען —
זי זוכט אין מיילכל ציין. . .

זי בייסט איר גראָבן פינגער,
זי רייבט די יאַסלעס איין,
מיט בײדע הענט איר פיסל
זי שלעפּט אין מויל אַריין.

עס סלינעט היים איר מיילכל
זי קרעכצט, עס טוט איר ווײ . . .
און מיטאַמאָל . . . עס לויכטן
צוויי ציינדלעך — ערשטער שנײ. . .

זי נעמט זיך צו איר צינגל
און סמאַקעט ציינדלעך זיס —
און ס'פּלאַטערן אין לופטן
ווי פויגל אירע פיס.

פון עלפאַנט-ביין אַ רייפל
זי פּרואווט מיט פּיצלעך ציין
און ס'מיילכל — רויטער שלייפל
האָט גאָר אַ נייעם כיין.



הינדעלעך אויסגעזעסן

האַללאָ! קוואָ, קוואָ, קוואָ!
כ׳בין ווידער שוין דאָ —
האָט איר זיך אָן מיר
שוין פאַרגעסן?
כ׳האָב מיך אייער געלייגט,
זיי געוואַרימט אַ צייט
און זיך קינדערלעך פיר
אויסגעזעסן.

קוקט נאָר אָן מיינע
פּיטשינקע פויגעלעך,
זעט נאָר ווי צאַרט און ווי ווייך,
וועלן אויסוואַקסן הינדעלעך
גרויסינקע,
וועלן אייעלעך לייגן פאַר אייך.

פּונקט געראָטן אין מיר
זיינען אַלינקע פיר.
קוקט זיי אָן — סאַראַ בעריעס

זיי זיינען:
גייען אום, לויפן זיך,
עסן, טרינקן ווי איך.
ווייסן גאָר ניט פון שרייען
און וויינען.

ס׳זיינען קליין מיינע טשיפּקעלעך, שוואַך,
מוז איך היטן זיי, שטיין אַף דער וואַך,
ס׳זאָל כאָלילע קיין בייז ניט געשען...
ס׳זאָל זיי באַביק — דער קאָטער — ניט זען.

אויף אַ ווײַלע לאָז איך זיי ניט אָפּ,
כ׳ציטער, כ׳ליב זיי
ווי ס׳אויג מיינס אין קאָפּ —
און איך בעט, קינדער,
טוט ניט קיין ריר
מיינע אייפּעלעך, פּיטשינקע פיר.

דאָס פאַרבלאָנדזשעטע אינגעלע

(מיין זונעלע אַ מאַטאָנע)

כאַימקע'ס מאַמע איז געגאַנגען אין גאַס עפּעס קויפן, האָט זי כאַימקען מיטגענומען, ווייל ער איז נאָך גאָר אַ קליינינקער און קען אַליין אין הויז ניט בלייבן. גייט מאַמע מיט כאַימקען ווייט, ווייט ביז זי קומט אין מאַרק אַריין; זיינען דאָרטן קראָמען אַלערליי פאַראַן פון פיש און פלייש, פון פרוכט און גרינס, און וואורשטלעך און בולקעלעך און צוקערלעך זיסינקע קען מען דאָרט אויך קריגן. אַפילע שיכעלעך און זעקעלעך, קליידעלעך און מאַנטעלעך זיינען דאָרטן פאַראַן אַ סאַך, גאָר אַ סאַך. האָט זייער ליב כאַימקע אין מאַרק צו גיין, אָנקוקען די אַלע גוטע זאַכן און אַמאָל באַ דער מאַמען אַ נאַש פאַר אַ סענט אויסבעטן.

אין מאַרק אַריין קומען אַ סאַך, אַ סאַך מאַמעס און יעדערע זוכט עפּעס קויפן און ס'איז פריילעך, אַזוי לעבעדיק, אַז עס גלוסט זיך גאָר ניט איינשטיין אַף איין אָרט, עס גלוסט זיך אַרומלויפן און קוקן, קוקן אָן אַ סאָף.

איז אָבער מאַמעלע אַ מאָדנע — וויל זי איר אינגעלע פון זיך ניט אָפּלאָזן און האַלט אים פעסט באַ דער הענטעלע און הערט ניט אויף צו דערמאָנען אים: „דאָס טאָרסטו ניט נע-מען", „דאָס עס ניט, עס איז ביטער", „דאָס קעסטל ריר ניט אָן, ס'וועט דיר אין קאָפּ פאַלן", „די עפּל צעוואַרף ניט, דער מאַן וועט שרייען", און אַזוי יעדע ווילע. ווערט כאַימקען אומעטיק, ווערט ער ברויגעז אַף דער מאַמען און טראַכט זיך: „אַי ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען מאַמעלע לאָזט אָפּ מיין

פאַרבלאָנדזשעט אינגעלע

הענטעלע, כ׳וואָלט מיר אַרומגעגאַנגען וואו איך וויל, כ׳וואָלט אין אַלע קעסטעלעך אַריינגעקוקט, כ׳וואָלט אַלע גוטע זאַכן באַטראַכט, כ׳וואָלט זיך אַפילע אַ פּאָר שיינע צאַצקעלעך אויפגעזוכט. אָן, דאָרטן, אין ווינקעלע שטייט אַ שטעקל פונקט גוט פאַר אַ פערדל, און צו יענער קעסטל אַ שטריקל צובינדן, איז עס אַ ריכטיקער וואָגן״. . .

און כאַימקע קוקט זיך אום — קיינער האַלט גאָר ניט זיין הענטעלע, די מאַמע איז פאַרנומען מיט ציילן סענטן פאַר׳ן קרעמער און קוקט גאָר אַף אים ניט. און דערווייל קומען אַנדערע מאַמעס אַריין און גייען אַרויס מיט פּעקלעך, קליינע און גרויסע. כאַימקע זוכט מיט די אויגעלעך דער מאַמען זיינער און זעט זי ניט. לאָזט ער זיך גיין צום טיר און פון טיר אין גאַס אַריין. גייט ער, די הענט אין די קעשענעס, דאָס קליינע קעפּל אין „שטורעם-היטעלע״ איינגעוויקלט, פאַרקוקט זיך אַף די אויסגעלייגטע פענסטער מיט די גוטע זאַכן, דערזעט אַ הינטל, כאַפּט ער מיט אים אַ קורצן שמועס; דערזעט ער אַ קעצל, טוט ער זיך אַ יאָג, וויל זי באַם ווייִדעלע אַ כאַפּ טאָן; דערזעט קינדערלעך פליושקען זיך אין די ליוזשעס, איז ער אויך אַ באַלן.

און דערווייל גייט זיך קליין כאַימקע אַלץ ווייטער און ווייטער, אַ פרייער, אַן עמעסער „גרויסער״, און טראַכט גאָר ניט וועגן דער מאַמען.

פּלוצלינג קוקט ער זיך אַרום. ער איז אַליין. מאַמעלע איז ניטאָ. רופט ער שטאַרק: „מאַמע, מאַמע, יוהו!״ ניטאָ, קיינער ענטפערט ניט. גייען מאַמעס אַ סאַך מיט קינדערלעך און אָן קינדערלעך, אָבער ניט זיינע. שרייט ער שטאַרקער, רופט זיין מאַמען, ביז ער צעוויינט זיך אַפ׳ן קאָל און טרערן, ווי האָגל, קייקלען זיך איבער זיינע שיינע בעקלעך, און ער קוקט אַף יעדן איינעם און שרייט וויינענדיק: „וויל צו מיין

מאַמען, וויל צו מיין מאַמען". אַט שטייט ער שוין אין מיטן אַ גרופּע פּאַפּעס און מאַמעס און אַלע ריידן, און אַלע פרעגן זיך וואָס ס'איז געשען, וועמעס אינגעלע עס איז, צי קען אים אימיצער, צי ווייסט אימיצער וואו זיין מאַמע איז.

און מען רעדט צו כאַימקען, און מען פרעגט זיך באַ אים וואָס ער וויינט, אָבער כאַימקע וויינט נאָך שטאַרקער ווען מ'דערמאָנט אים וועגן מאַמע און שעפּטשעט ווי צו זיך אַליין: „מאַמאַ, וויל מאַמאַ!"

ס'שטייען אַלע, גרויסע און קליינע, מ'ווייסט גאָר ניט וואָס מ'זאָל מיט'ן קינד טאָן.

אפ'ן מאַרק איז טומלדיק. כאַימקעס מאַמע האָט די סענטן שוין דעם קרעמער אָפּגעגעבן, דאָס פּעקעלע גענומען, אָבער איר אינגעלע האָט זי ניט געהאַט. ס'האָט איר אין האַרצן אַ קלאַפּ געטאָן פון שרעק . . . זי האָט אָנגעהויבן אַרומצולויפן איבער'ן קראָם, פּאַרקוקן אין אַלע ווינקעלעך, אונטער אַלע קעסטעלעך, אַרויסגעלאָפן אפ'ן גאַס, זיך אַרומגעקוקט — ניטאָ דאָס קינד.

די האָר האָבן זיך איר קאַפּויער געשטעלט. זי האָט זיך געלאָזט לויפן פון איין גאַס אין דער אַנדערער, שרייענדיק, בעטנדיק אַלעמען עפּשער האָט מען איר אינגעלע, איר איינציקן, איר טייערן אינגעלע געזען: „אין אַ בלויען מאַנטעלע, אַ קליינינקער, מיט אַ גרוי-געשטריקטער היטעלע, האָט ראַכמאָנעס, זאָגט מיר וואו מיין קינד איז?" האָט זי נישט אויפגעהערט צו בעטן.

אַלע האָבן זיך געלאָזט דאָס אינגעלע זוכן איבער אַלע גאַסן און געסלעך, אין אַלע הויפן און ווינקעלעך אַרום דעם מאַרק.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַן אויסגעשריי: „געפונען דאָס אינגעלע", „שוין דאָ דאָס קינד" — און אַ סאַך גוטע

מענטשן זיינען מיט דער גוטער בשורה צו דער פאַרצווייפּל־טער מאַמע געלאָפן, וועלכע איז צעטראָגן און אויפגערעגט אַפ׳ן ראָג גאַס געשטאַנען, די הענט געבראָכן און ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן.

דערהערט, אַז איר קינד איז דאָ, האָט זי זיך געלאָזט לויפן וואוהין מען האָט איר אָנגעוויזן; דאָס האַרץ איז שיער ניט אַרויסגעשפּרונגען פאַר פרייד ווען זי האָט פון דער־ווייטנס איר טייער קינד דערזען, וועלכן אַ מאַן, אַ פרעמדער, האָט אויף זיינע הענט געטראָגן.

זי האָט דאָס קינד אַ כאַפּ געטאָן, זיך פעסט, פעסט צוגע־דריקט צו אים.

און אַלע האָבן זיך געפרייט און געלאַכט קוקנדיק אויפ׳ן קליינעם אינגעלע, וואָס פאַרענטפערט זיך פאַר זיין מאַמע־לען, און יעדערער איז זיך אין זיין זייט אַוועק.

שול - סימכעלע

אַ סימכעלע, אַ סימכעלע
פאַר שילער און פאַר געסט
צו הוליען און צו שפּילן זיך
און עסן אַלדעם בעסט.

אַ סימכעלע, אַ סימכעלע
פאַר קינד פון אָרים גאַם —
פאַר אינגעלעך און מיידעלעך
פונם האַרעפּאַשנעם קלאַס.

ווי יונגע, פרישע צווייגעלעך
פון שטאַרקן קלאַסן-בוים,
מיר גרייטן פרייד און נאַכעס צו
פאַר אונזער אָרים היים...

אַ סימכעלע, אַ סימכעלע
אַ שול-יאָמטעוו איז היינט,
טו לאָמיר אַלע הוליען איצט
און ווערן גוטע פריינט.

די שול וועט קינדער אויפקניפּן,
ווי בלימלעך אין אַ קראַנץ
און גרייטן זיי פאַר נייער וועלט
דורך קאַמף און ליד און טאַנץ.

אַ האַרבסטיק וויג - ליד

שטילער, שטילער, שאַ...
ס׳איז אַ נאַכט אַזאַ...
ווינטן ווײסטע יאָגן,
בלעטער טויטע קלאָגן...

שטילער... שטילער... שאַ...
ס׳איז אַ נאַכט אַזאַ!
מאַך די אויגעלעך צו...
אויפלעב קומט נאָך רו:

ס׳קומען בליטן רויטע
נאָך די בלעטער טויטע,
ס׳קומט אַ צאַרטער ווינט
וויגט און וועקט מיין קינד...

שטילער, שטילער... שלאָף...
נאַכט האָט באַלד אַ סאָף,
ס׳הויבט שוין אָן דער דעמער,
פלימער, פלאַמער, פלעמער,
ס׳זינגט און בליט און גרינט,
פרילינג דורך מיין קינד...

באַגינען

טויען — קרישטאָלענע שפּיגלען
גראָזן — סאַפּירן, רובינען
אַף פּלאַטער פון זילבערנע פליגלען
ציטערט אַ פרישער באַגינען.

נעפּלען, ווי טוליען קאָלירטע,
אָטעם, ווי סאַמעט אַ ווייכער,
ווי אַף פּרוכטן פון פינגער באַרירטע
די לופט ווערט פיין דורכזיכטיק, בלייכער.

ס'פאַרגייען די בלויע סאַפּירן,
ס'פאַרשווינדן די רויטע רובינען,
אַ זומער טאָג הויבט זיך אָן רירן
אין שאָלאכץ פון יונגן באַגינען.

אין סאַמע מיטן שפּיל

שאַ... דער שלאָף באַפאַלט מיין קינד
אין סאַמע מיטן שפּיל —
איין פּיסל ליגט שוין אָפן בעט,
דאָס צווייטע אָפן דיל.

און אָף די ליפּלעך, ניט דערלאַכט,
פאַרבליבן איז אַ לאַך;
און איז זיין קולאַקל פאַרקוועטשט,
פאַרבאַהאַלט איז אַ זאַך.

איך עפן ס׳הענטעלע שטיל אויף —
אַ גלאַז ריישל — אַ גליק!
עס רייסן אויגעלעך זיך אויף
און שליסן זיך צוריק.

אַ שלאָפנדיקער פינגערל
צום נעזעלע פאַרלייגט,
אַן אומרוהיקע קעפּעלע
צו מאַמען צוגענויגט...

צעקוש איך ס׳טייער פינגערל
און ס׳נעזעלע, און ס׳מויל,
באַרוהיקט שלאָפט מיין קינדעלע
און ס׳איז אים אַזוי וואויל...

די קליינע מאַמעלע

מירל איז אַ דריי יאָר אַלט,
איז זי שוין אַ מאַמע;
האָט אַ ליאַלקע, אַ פּאַרשוין, —
באַלד די גרויס פון איר אַליין.
בעקלעך ראָזע, ציינדלעך קלאָר,
רויטע ליפּן, בלאָנדע האָר,
היינט די אויגן — קרעלן גלייך!
האַלט איר זי — קוקט זי אַף אייך,
לייגט איר זי אין בעט אַנידער,
מאַכט זי זיי צו און שלאָפט שוין ווידער.

ס׳קליינע מירל שטראַלט פון גליק,
הערט ניט אויף צו לאַכן,
און ביי מאַמע פאַר איר קינד
בעט זי גוטע זאַכן:
דאָ ניי איר שיינע קליידעלעך,
דאָ — שטריק אַ סוועטער אויס,
און שיכעלעך, און זעקעלעך,
עס זאָל ניט זיין צו גרויס!

האַקלאַל, די קליינע מירעלע
איז זייער שטאַרק פאַרטאָן —
דאָ קאָמט זי ס׳קינד,

דאָ וואַשט זי עס,
און טוט איר זאַכן אָן.

נאָר אַט שטייט ס׳קליינע מאַמעלע
אין ווינקעלע און קלאָגט;
זי האַלט דאָס פינגערל אין מויל —
שטעלט ליפּעלעך און נאָגט.

— וואָס וויל מיין קליינע מאַמעלע,
וואָס איז געשען מיט דיר?
— אַרויסנעמען וויל איך מיין קינד
אין פּאַרק אַף אַ שפּאַציר.
— נו גוט, טרינק אוים דיין מילכעלע,
עס אויף די זופּ, דאָס איי,
פּאַרפּוץ דיין שיינע ליאַלקעלע,
זאָג „גוד באַי” און גיי!

נאָר די קליינע מירעלע
שטייט נאָך אַלץ פאַרזאָרגט,
טרערן אין אויגעלעך,
רירט זיך ניט פון אָרט.

שמייכלט מירל׳ס מאַמעלע:
„קום צו מיר געשווינד,
זאָג, איז עפּעס ניט געשען
מיט דיין שיינעם קינד?”

„מיין טאָכטער איז אַ פּיטשינקע,
קאָן זי זיך ניט רירן,
דאַרף איך אַ קליין וועגעלע,
כ'זאָל זי קאָנען פירן."

לאַכט די מאַמע, קוועלט דער טאַטע
און ער איז גערירט.
און אָף מאָרגן זעט שוין מירל,
פֿאַ אַ וועגל פירט.

איצט איז מירעלע צעפרידן,
פרייט זיך אָן אַ שיר,
און זי פירט איר שיינע טאָכטער
אין פאַרק אָף אַ שפּאַציר.

די קאַרוסעל

הויבט זיך, פערדלעך, ליבינקע,
דרייט זיך ווי אַ ווירבער,
טראָגט און וויגט די רייטערלעך
לייכט און שטאָלץ און זיכער.

אויף און אָפּ, אויף און אָפּ,
רונד אַרום דעם וועג;
ס'זשומעט, ס'שווינדלט שוין אין קאָפּ
פון ווילדן פערד-געיעג.

„...פעסטער, שטאַרקער, האַלט זיך צו,
זיי אַ בראַווער יאַט..."
שרייען רייטער טפרו, טפרו, טפרו
פון שפּילער-אויטאָמאַט.

שמעלצט זיך אויף אין בונטע שטיק
די פעסטע קאַרוסעל;
ליכט און שפּיל און קינדער-גליק
פון אויגעלעך גלוסטיק-העל...

נאָר אָט שטייט דער קאַרוסעל,
אוים איז שוין די שפּיל —
ס'וואַרטן נייגעריק ביים שוועל
קליינע רייטערס פיל.

הויבט זיך פריילעכער יאַריד
ווידער אָן אויפסניי,
ווערן פערדלעך גאָר ניט מיד
פון שטענדיקן געדריי.

מוישעלע און מענדעלע

מוישעלע און מענדעלע זיינען צוויי קליינינקע, שיינינקע אינגעלעך, פּונקט דיזעלבע גרויס, פּונקט דיזעלבע יאָרן און פּונקט דיזעלבע שטיפערס; מער ניט, יעדער איינער פון זיי פירט זיך אויף זיין אייגענעם שטייגער.

און כאָטש די ביידע באכורעמלעך, סאַכאַקעל נאָך קיין פולע פינף יאָר ניט אַלט צוזאַמען, זיינען גאָר באַזונדערע „מענטשן”, האָבן זיי זיך דאָך זייער שטאַרק ליב, אַ רעגע קען איינער אָן דעם אַנדערן ניט לעבן, און אַזוי ווי זיי וואוינען אין איין הויז, אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר, לויפט מען איינע צו די אַנדערע צען מאָל אַ אַף אַ מינוט.

עס קערן זיך וועלטן, מען שפּילט זיך אין פערדלעך, יאָגנ־דיק זיך פון מוישעלעס הויז צו מענדעלעס, — מען שלאָגט זיך, מען האַקט מיט די טירן, מען טופּעט מיט די פיס, אַז עס ציטערן אַזש די ווענט.

היינט פאַרמאָגן די צוויי כעוורע־לייט צוויי בייסיקלעך און צוויי פּאָר סקייטס, און איר דאַרפט שוין גאָרניט מעקאַנע זיין די אונטערשטע שכיינעם — ווען מ׳צעלאָזט זיך מיט זיי און מ׳צערעדלט זיך אַף וואָס די וועלט שטייט. מ׳וואַרפט און מ׳שליידערט שטולן און ביינקלעך, אַלץ וואָס ס׳טרעפט זיך נאָר אונטער דער האַנט.

— מאַמע — שרייט מענדעלע — נעם צו דעם אויוון . . . קינדער דאַרפן פאָרן . . . מאַשין . . . זאָג אויוון, גיין מיט די פיסעלעך אין ווינקעלע!

— מאַמע — רופט מוישעלע — נעם צו די וואַנט, מוי־שעלע קען ניט פאָרן בייסיקל.

און די מאַמעס לאַכן, און די „באכורים” ווינען ביז זיי

בעטן זיך איבער, פאַרגעסן זיך און שפּילן זיך ווייטער מיט געשריי און געפּילדער.

אָבער ליב האָבן זיך דיביידע אינגלעך ניט אַזוי צוליב דעם וואָס זיי קענען זיך שפּילן איינע מיט די אַנדערע, שרייען און שטיפן, ווי צוליב דעם וואָס מ'קען זיך אַריינדראַפּן איינע די אַנדערע אין די האָר און אויגן, וואָס מ'קען איינע די אַנדערע איינטיילן אַ רעשט קלעפּ און צעגראַבלען, צעבייסן ביז בלוט.

ווען ניט דאָס אַרומשלאָגן זיך וואָלטן זיי עפּשער גאָר אַזוי שטאַרק ניט ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן.

דער הויפּט שלעגער איז מוישעלע מיט זיינען ברייטע, פעסטע פּלייצקעס, מיט דעם ערנסט בייזלעכן פּענימל. ער האָט פיינט צו לאָזן זיינם אַריבערגיין, און אַז עס טרעפט כאָלילע, אַז מענדעלע רירט זיך צו צו זיינע צאַצקעס אָדער שפּילכלעך טוט ער אַזאַ געשריי אַף אים מיט זיין שטאַרקער שטימעלע, אַז מענדעלע'ס קליינע, קינדישע צורעלע און זיין גאַנצער שלאַנקער קערפּערל הויבן אָן צו ציטערן. און אַז עס העלפט ניט דער געשריי און מענדעלע וויל בעשום אויפן ניט אָפּגעבן דאָס שפּילכל, טאַינענדיק:

— דאָס מענדעלע'ס, דאָס מיינע...

דערלאַנגט זיך מוישעלע אַ רוק צו צו אים מיט אַ זייטל, אַן אויפגעקאָכטער, קוקנדיק מיט אַ האַלבער אויגל, הויבט זיך אויף זיין וואָגיק-פּוכקע הענטל און לאָזט זיך אַראָפּ וואו עס מאַכט זיך נאָר. און ערשט דאַמאָלט הויבט זיך אָן די ריכ-טיקע כאַסענע...

מענדעלע, וואָס קוקט אַפילע אוים אַ סאַך שוואַכער פון מוישעלען, איז אָבער אין דער עמעסן אַ גאַנץ פעסטער באַ-כורל, וואָס זיין גאַנצער קויאַך ליגט באַ אים ניט אַזוי אין זיינע קליינע הענטלעך ווי אין די לאַנגע באַוועגלעכע פינ-גערלעך מיט די שאַרפע נעגעלעך, וואָס האָבן אַ מאָדנע

טעווע, אַז וואָס מער מען שניידט זיי אַלץ מער גראָבלען זיי.

און אַז מוישקע הויבט אים אָן מעכאַבעד צו זיין מיט זיינע קולאָקלעך, בלאָזט זיך מענדעלע אָן, ווערט רויט ווי אַ בוראַק און אַף די שפּיץ פינגערלעך, פּונקט ווי אַ יונגער הינטל, שפּרינגט ער אויף, באַפאַלט דעם גרויסן אויפטוער, מוישקען, און צעגראַבלט אים וואו ער קען נאָר.

מאַקעס רעצאַך שלאָגן זיי זיך איינע די אַנדערע. מישט זיך שוין די מאַמע אריין, צערייסט זיי מיט גוואַלד, און וויל זיי פונאַנדערטיילן, יעדן אין זיין הויז, הויבט זיך ערשט אָן אַ קוויטשעריי און געוויין:

— מענדעלע גראַבלט!

— נו, טאָ שפּיל זיך ניט מיט אים, ער איז אַ שלעכט קינד.

— ניין, מענדעלע איז אַ גוטער, ליב מענדעלען, וויל מענדעלען שפּילן!

און פּונקט דאַסזעלבע מיט מענדעלען:

— קוש, מאַמע, מענדעלע'ס בעקעלע, מוישעלע שלאָגן!

— זיין געזונט ס'בעקעלע — באַרואיקט מענדעלע'ס מאַמע — וויין ניט, און שפּיל זיך באַ אונדז אין שטוב, וועט ער דיר ניט טשעפּן.

— ניין, מענדעלע וויל מוישעלען, מוישעלע מיר ניט טשעפּען, ליב מוישעלען.

און ווידער לויפט מען איינע צו די אַנדערע און ווידער שפּילט מען זיך צוזאַמען, ביז עס קומט צו אַ נייעם געשלעג.

איינמאָל איז מוישעלעס מאַמע אַוועקגעפאָרן מיט מוישעלען צו גאַסט אַף עטלעכע וואָכן.

איז מענדעלען אומעטיק געוואָרן, ער האָט געוויינט און געשריען, ער האָט זיך צו מוישעלעס פּאַרהאַקטע טיר צוגעשפּאַרט, געקלאַפּט מיט זיינע קולאַקלעך, געפּאַדערט און געבעטן מיט אַן האַרצרייסנדיקער שטימעלע:

— מוישעלע, עפן, דאָס איז מענדעלע. מענדעלע מער ניט גראַבלען מוישעלען, נאַ.

און אַז ער האָט קיין ענטפער ניט געקראָגן, האָט ער זיך אַ ווײַלע שטיל צוגעהערט, אַרײַנגעקוקט אין שליסל-לעכל און באַ זײַן מאַמען אַ פרעג געטאָן: וואו איז מוישעלע?

— אַוועקגעפאָרן, זונעלע, צו זײַן טאַנטע, מאָרגן קומען.

טאָג נאָך טאָג, פאַר'ן שלאָף און נאָכ'ן שלאָף, באַם עסן און באַם שפּילן שטענדיק האָט מענדעלע וועגן זײַן כאַווער מוישעלען געטראַכט, שטענדיק וועגן מוישעלען גערעדט:

„מאַמע, מאָרגן קומען מוישעלע? ברײַנגען אַ גוטע זאַך מענדעלען, מער ניט אַוועקפאָרן, האַ?"

און פאַרענדיקט האָט ער יעדעס מאָל זײַן שמועס מיט: טאַ וואו איז מוישעלע?

כאָטש ער האָט שוין אָף אויסווייניק געוואוסט, אַז מוישעלע איז באַ זײַן טאַנטע עני און אַפילע דעם אַדרעס און נומער פון הויז און האָט שוין ניט איינמאָל וועגן דעם זײַנע אַנדערע כאַוויירים דערציילט.

די ערשטע פּאָר וואָכן פלעגט ער זיך באַנאַכט אויפכאַפּן, שרײַענדיק: מוישעלע! וויל מוישעלען!

ענדלעך איז מוישעלע מיט זײַן מאַמען געקומען צוריק אַהיים. ס'איז נאָך גאָר פרי, פאַרטאָג געווען, ווען מוישעלע האָט מיט זײַן שטענדיקער ברייטקייט אין מענדעלעס טיר אַנגעקלאַפּט.

מענדעלע האָט אַקאָרשט זײַנע אויגעלעך אויפגעעפנט און האָט זיך, ווי דער שטייגער זײַנער, געשפּילט אין בעטעלע מאַכנדיק קייקעלעך פון די אויסגעצופּטע וואָלענע הערלעך פון זײַן דעקע.

דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר איז ער אויפגעשפּרונגען: מאַמע, הערסט אַ קלאַפּ?

באַלד אָבער האָט זיך דערהערט מוישעלעס באַסאָווער קעלכל:

— מענדעלע, עפן, מוישעלע קומען.

און מענדעלע איז שיר פון בעטל ניט אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט אָנגעהויבן קוויטשען און לאַכן, שרייען און זיך בלאָזן פון סימכע. די מאַמע זיינע איז אַראָפּגעלאָפן פון בעט, אויפגעעפנט די טיר און אַריינגעלאָזט דעם טייערן גאַסט.

מוישעלע איז צו מענדעלעס בעטל צוגעלאָפן און ביידע האָבן פון גרויס סימכע און איבעראַשונג פאַרגעסן, אַז זיי קענען רעדן — זיי זיינען געשטאַנען, געקוקט איינע אויף די אַנדערע און זיך פלוצלונג הויך אויפן קאָל צעלאַכט.

אין אַ רעגע איז שוין מענדעלע געווען אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשן. ער האָט ליבלעך מוישעלען אין די אויגעלעך אַריינגעקוקט, האָט אים אַפילע אַ פּאָר קייקעלעך אַ מאַטאָנע געגעבן, וואָס דאָס רעכנט זיך באַ אים פאַר דער טייערסטער זאַך, און האָט אים אָװעקגעפירט אין צווייטן צימער ווייזן זיין נייע פייער־מאַשין, וואָס ער האָט ניט לאַנג פון זיין אַנקל געקראָגן.

מוישעלען איז זי, פאַרשטייט זיך, זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך גלייך גענומען מיט איר שפּילן און מענדעלען שוין אַפילע ניט צוגעלאָזן.

האָט עס מענדעלען זייער שטאַרק פאַרדראָסן און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַלטע „ליבע".

מיט געשרייען און גוואַלדן — „מיינע", „דיינע" — האָט מען זיך באַלד איינע די אַנדערע מיט אַ פּאַרציע קלעפּ און גראַבושקעס מעכאַבעד געווען, ביז מענדעלע האָט די באַליידיקונג ניט אויסגעהאַלטן און אַריינלויפנדיק צו מוישעלעס מאַמע, האָט ער אויסגעשריען:

— נעם צו מוישעלען צו טאַנטע ענני, מוישקע שלעכטע קינד, שלאָגט זיך, פיינט . . . און האָט זיך ביטער צעוויינט. . .

ס׳גיסט אַ רעגן

אוי ווי גוט, עס גיסט אַ רעגן!
טייכן לויפן אַפּן גאַס,
ס׳אַ מעכאַיע, קיל אין דרויסן
און דער געלער זאַמד איז נאַס.

ווילסט מיט מיר זיך שפּילן, שוועסטער,
כאַפּ אַראָפּ די נייע שיך,
נעם די שופלע, איך דעם עמער —
לאָמיר גיין צום זאַמד אַף גיך.

איך מאַך גלייך פון זאַמד אַ שטיבל
מיט צוויי פענסטער, מיט אַ טיר,
מיט אַ גערטעלע צו שפּילן —
סיי פאַר מיר און סיי פאַר דיר.

און דו, ביילקע, ווער אַ בעקער,
באַק אוים קייק און ברויט אַ סך —
מיר׳ן טיילן אַלע קינדער,
יעדערן אַ גוטע זאַך...

קום-זשע, ביילקע, רוף די קינדער —
קליין און גרויס, אַלע גלייך —
מיר׳ן איינצאַמען דעם וואַסער,
מאַכן דאָ אַ גרויסן טייך.

מיר'ן פּליושקען זיך און שפּרינגען,
פלייסיק אַרבעטן און זינגען:
רעגן, רעגעלע, ניט וויין!
קום אַן אַנדערש מאָל צוגיין,
אַלע קינדער דאַנקען דיר
ס'איז אונז פריילעך אָן אַ שיר!



אַ צעשטערטער כאַלעם

ציפערן אין קאַראַהאַד
טאַנצן פאַר די אויגן,
אוי, ווי לאַנג, ווי מאָדנע לאַנג,
די צייט האָט זיך פאַרצויגן!
זייגער רירט זיך ניט פון אָרט,
רעגעם — גאַנצע יאָרן —
ווערן אויגעלעך פון קינד
אומרואיק, פאַרלאָרן.
ס'דוכט אים: קינדערלעך אין קלאַס
— פויגעלעך אין שטייגן,
מיט די פליגעלעך איינגעקניפּט,
אַרבעטן און שווייגן.
און ס'פאַרגלוסט זיך אים צום טראָץ
אָט די רו צעשטערן,
און אַ לעבעדיקן ריר,
צי אַ וואָרט דערהערן.
ציט ער ביידע פיסלעך אויס,
נעמט זיין כאַווער שטופּן
און די כאַווערטע באַם זייט
פאַר די צעפּלעך צופּן...
און אַז ס'העלפט ניט, הויבט ער אָן
דרייען זיך און לאַכן,
און זאָגט-צו די קינדערלעך
זיינע בעסטע זאַכן:
אַ קנעפּעלע פון וויסן ביין,
אַ פּיצל זייגער-שרייפל,
אַ שערבל-גלאָז מיט גרינעם שיין,

אַ פֿאַליסמאַנ׳ס פּייפּל.
און זיין העפטל קוקט אים אָן,
בלאַנק, נאָך ניט פֿאַרשריבן,
און צום מיטאג גלאָק איז בלויז
צען מינוט פֿאַרבליבן.
בלימלעך אַנשטאַט ציפערן
מאָלט דער טראַציק אינגל,
און אַקשאַנעסדיק פֿאַרדרייט
האַלט ער צו זיין צינגל:
אַ פֿאַסיק קרייצט אַ פֿאַסיקל —
אַן עראָפּלאַן אין הויך,
אַ קעסטעלע — אַ הייזעלע,
דער קוימען שפּייט מיט רויך...
און פֿונ׳ם העפטל לאַכט אים צו
אַ מענטשל מיט פֿאַנטאָפֿל,
סעדער, פֿולע, בליהענדע
און פעלדער מיט קאַרטאָפֿל.
ווערט די שטילקייט פֿול מיט קלאַנג,
הערט ער פֿויגל זינגען,
גלוסט זיך אים אויך פֿראַנק-און-פֿריי
אומלויפֿן און שפּרינגען.
ניט אין קלאַס איז אינגל איצט —
אין די פֿרייע רוימען
וועבט ער פֿאַר זיך ליכטיקע,
וואונדערלעכע טרוימען.
פּלוצלינג רייסט זיך אָפּ דער טרוים:
„ד-אַ-ס... ה-אַ-ס-ט-ו... געשריבן?!
אַט... אַזוי-אַ אַרבעט... מען
זעקס... און... פֿיר... איז... ז-י-ב-ן?!

אין צירק

אַ פרוי, ווי אַ וועוויערקע, קלעטערט אויף שטאַנג,
ס'איז פול דער טעאַטער, געשפּאַנט יעדער בליק...
עס בויגט זיך און דרייט זיך אַ מענטש, ווי אַ שלאַנג —
זי טאַנצט אין דער לופט אויף אַ שטריק.

אַ שרעקלעכע קינדהייט אין בוידן פון צירק
(אַ קלאונס אַ טאַכטער געווען)
אַ בייטש האָט די יונגינקע מיידל טרענירט,
די שטריק אָדער טויט בלויז צו זען!

טעג הינטער קוליסן אין נויט און אין שמוץ,
פאַרזעעניש, כאַיעס, געפּאַר...
אין אָוונט גרילצן מיט פאַרב און מיט פּוץ —
אַ וואונדער, אַ צירקישער נאַר...

אין צירק זיצן קינדער באַגייסטערט, פול גליק,
צווישן זיי אויך דער טענצערינס קינד;
עס ציטערט זיין הערצל צוזאַמען מיט שטריק —
מאַמע'ס טריט טוען וויי ווי אַ וואונד!

ער בענקט נאָך זיין מאַמע אין פּאַשעטן קלייד,
עס שרעקט אים דער צירקישער גלאַנץ.
אַף בלוטיקן שניט וואַרט און לויערט דער טויט,
וואָס האַקט אַפּ די שטריק מיט׳ן טאַנץ...

זיינע ליפּלעך פאַרביסן, זיין אָטעם איז שווער,
„אַ מאַמע... אָט נאָך אַ פּאָר טריט...״
און פּלוצלונג... קלאַפּט פּויקן וואָס שטאַרקער און מער!...
מען רייסט ניט אַפּ שפּיל אין דער מיט.

— — — — — — — — — —

אויף טענצערינס מויל איז אַ שמייכל פאַרקילט —
געשאַנק פאַר איר קינד, פאַר איר גליק...
אַן אַנדערע דרייט זיך און מעסט זיך מיט טויט
אויף אין לופטן פאַרצויגענער שטריק!

גלאסטער

פאַרזאָרגטע פישערלייט אַרום די גרויע ווערפטן,
דער יאַם איז זייער היים, דער יאַם איז זייער ברויט,
ביי זיינע ברעגן ווערן זיי געבוירן,
אין זיינע טיפן וואַרט אַף זיי דער טויט.

פאַרברוינטע, אָנגעטאָן אין גומי און אין לעדער,
זיי שלעפן פון די באַרדזשעס זייער פאַנג —
אַרבעטסלאָזע שטייען דאָ פאַרשעמטע
ביז ס׳גיט זיי אימיצער אַ פיש פאַר אַ געשאַנק.

זומער-געסט, ווי צודרינגלעכע פליגן,
קריכן פישערלייט אין ביין אַריין;
דאָ און דאָרט אַ מאָלער מיט אַ סטענדער,
פאַרב אַף לייוונט — פישער׳ס פרייד און פיין...

אַרום ברעגן גליהיק-רויטע סקאַלעס,
ווי אַ ריז וואָלט זיי צעקרישלט אין זיין כּעס,
און פאַרשפּאַרט דעם אָנגריף פון די כוואַליעס
אַף דעם שטעטל און זיין יעדער גאַס.

אומעטיק און פּראַכטפול שטייען שטיבער,
אײַנגעטונקט אין גרינס און בלוי פון ים —
אַ פּאַרטיקע געמעל קוקט פון׳ם ברעג אַריבער
כאָטש נעם און פּאַס אַריין עס אין אַ ראַם!

אָרימקייט און לוקסוס — וויסטע ברידער
ליכט און שאָטן אין אַ שטום געיעג —
הײַזלעך אײַנגעקאָרטשעטע ווי פּעניִמער פון פישער,
פּרעכע פּראַכט-האָטעלן זוימען אום דעם ברעג.

און ביים טויער פון׳ם שטאָט אַ דיינקמאָל:
אַ גלאַסטער סקיפּער ביים רודער פון אַ שיף —
לויב און צער פאַר נאָמענלאָזע העלדן,
שטאָלץ מיט האָרעפּאַשניקעס וואָס רוהען אין דער טיף.

דער גאַן־אײדן פון אָרימקײט

אין דער סאַמע מיט פון קאַמאָנס *
איז אַ קינדערשער גאַן־אײדן:
אַזאַ בעקן פול מיט וואַסער,
און די לופט מיט קינדער־פרײדן.

פון די אָרימסטע קוואַרטאַלן,
פון די איבערפּאַקטע שטיבער
קומען קינדער גאַנצע מאַכנעס
אין גאַן־אײדן דאָ אַריבער.

אָט־אָ דעם אַ וואַסער־בעקן
רופט מען דאָ „דער זשאַבע טײכל", **
קוים וואָס ס׳קען דאָ וואַסער קלעקן,
נאָר מען שווימט און שטיפט אַ מאַיכל!

הערט מען קוויטשען, שרײען, זשומען,
קלײדלעך, הײזקעס הויך פאַרקאַטשעט
און צעפּליקטע באַד־קאָסטיומען,
אַבי פרײלעך צעלאַידאַטשעט.

און אין סאַמע מיטן ליאַרעם
איז אַ קונץ אַזאַ פאַראַן —
ס׳שיסט אַ זײל פון זילבער קלאָרן
פון אַן אײזערנעם פאָנטאַן!

---

* „באָסטאָן קאָמאָנס" — אַ היסטאָרישער שטאָט גאָרטן אין באָסטאָן.
** „פראָג־פּאָנד" — זשאַבע טײכל.

שטופּן זיך די קליינע שווימער
צו דעם וואַסערשטראַלן-סנאָפּ:
שטעלט אים איינער אויס זיין פּלייצע,
שפּאַרט דער צווייטער דורך זיין קאָפּ.

שווימט מען איינער איבער צווייטן,
שלאָגט מען זיך פאַר יעדער שפּאַן,
און אַט פּלוצלינג אַ בעאַלע —
„גיכער, ס׳קומט דער מואווי מאַן!"

מואווי-מאַן — אַ נייע סימכע
פאַר דער אָרימקייט פון „קאמאַן" —
לויפן קינדער אָן אַ אטעם,
קיינער וויל אים ניט פאַרזאמען.

אויפגעהערט זיך שוין צו שטופּן,
יעדער קינד האָט גרייט אַ שמייכל,
אַלע שטעלן זיך אין גרופּן
אין דער מיט פון „זשאַבע-טייכל".

און אַף מאָרגן אין די מואווים,
זעט מען קינדער-אויגלעך שטראַלן,
און ווי גליקלעך עס לעבן קינדער
פון די אָרימע קוואַרטאַלן?!...

זעט מען אָרימקייט פאַרפּוצטע
מיט אַ טראָפּן גליק און פריידן,
ווי זי שטיקט זיך אַ פאַרשווייסטע
אין דעם קינדערשן גאַן-איידן!

זאַמדיקע שלעסער

קינדערלעך שפּילן, קינדערלעך שטיפן
בײַם זאַמדיקן ברעג פון דעם ים, פון דעם טיפן.

בויען אויס שלעסער און פעסטונגען גרויס,
לאָזן די שיפלעך אין לענדער אַרויס.

מעכטיקע כוואַליעס גייען און קומען,
אַ שטיף — און די שלעסער דער ים האָט פאַרנומען.

לאַכן די קינדערלעך, זאָרגלאָז און פריי
און בויען זיך שלעסער פון זאַמד אויף דאָס ניי.

פויגעלעך פלאַטערן, פויגעלעך זינגען,
שטיינדעלעך קייקלען זיך — גלעקעלעך קלינגען.

הערן זיך קינדערלעך — מידינקע איין,
דרימלען און ביסלעכווייז שלאָפן זיי אײַן.

גוגו וויל כאַפּן די זון

אַ גאַנצן ווינטער זיצט גו־גו אין הויז. אין אָנהויב האָט זי פּאָשעט די טיר אַף שטיקלעך צעגריזשעט. זי האָט נאָר געוואָלט אַרויס אין גאַס צו אירע כאַווייִרים און כאַווערטעס. די מאַמע האָט אָבער געזאָגט ניט, איז געבליבן ניט. גוגו האָט זיך נעבעך געמוזט אונטערגעבן.

פון צייט צו צייט פאַרביינקט זיך גו־גו נאָך דער גאַס, ס'ווילט זיך איר זיין אַ קאַץ מיט אַלע קעץ גלייך, פריי, אומאַפּהייִנגיג. דאַן גייט איר דאָס לעבן אין הויז ניט איין: וואָס טויג איר איר זים רואיג לעבן באַם רעדיאַייטאָר, וואָס טויג איר די לאַסקעס, אַז זי איז באַ יענעם אין די הענט. „אַ", טראַכט זי באַ זיך אַף איר קעצישן שטייגער, „ס'איז אַ כאַרפּע און אַ בושע פאַר זיך אַליין, פאַר אַ שטיקל פיש צי פלייש און אַ זופּל מילך זיך פאַרקויפט . . . איינגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ גאָלדענעם שטייגל" . . . דאַן ווערט זי ווילד, רייסט און פּליקט די שויבן, בעט זיך באַ יעדערן: ראַטעוועט . . . כ'בין אייך מויכל אייער זאַטקייט, לאָזט מיר אַרויס. . .

וויגדערקע פאַרשטייט יאָ אַביסל זיין גו־גו. ווייַנט ער שיר ניט ווען זי הויבט זיך אָן אַזוי בעטן באַ אים. ער דריקט איר צו זיין אַקסל, קושט איר אויס אירע גרין־גרויע אויגן און טרייסט זי וויפיל ער קען. אַמאָל געפינט ער אַן אויצע — ער לאָזט זי אַרויס אַף די פייער־טרעפּ. די פייער־טרעפּ זייַנען לאַנג אַרום און אַרום דער גאַנצער הויז — אַלץ בעסער ווי גאָרניט! גו־גו שפּאַצירט אַביסל אַרום אַף דער פרייער לופט און קומט צוריק אַ באַרואיקטע פאַר אַ וויילע.

אָבער איצט איז שוין סאָף ווינטער. כאָטש די גאַסן זיי-

נען נאָך מיט ברודיקן, איינגעאַקשנטן שניי באַדעקט און די בוימער און פאַרקאַנעס זיינען מיט ווייסע קרויזן באַפּוצט פילט אָבער גו־גו, אַז דאָס איז שוין דער סאָף . . . דעם ווינ־טער׳ם לעצטע שפּיל.

גו־גו האָט דערפילט דעם פרילינג. איר בענקשאַפט נאָך עמעסער קעצישער ליבשאַפט וואַקסט פון טאָג צו טאָג . . . איר מיאַוקען איז שוין מער אַ פאָדערונג ווי אַ געבעט.

איינמאָל דערהערט גו־גו אַ רוף פון אַן אַנדער קעצל אונטן אין הויף. זי ווערט ווילד. ווי אַ טיגער שפּרינגט זי און וואַרפט זיך אַנטקעגן די שויבן, איבער די בעטן, איבער די טישן אַזוי, אַז די מאַמע מוז זיך פאַרשפּאַרן אין אַ צימער פאַר שרעק. . .

וויגדערקע האָט געטראַכט און געטראַכט און עפּעס אויס־געטראַכט — ער האָט אויסגעפונען אַ קונץ ווי צו באַרואיקן גו־גו. ער נעמט אַ קליין שפּיגעלע, זעצט זיך פּונקט לעבן זוניקן פענצטער, כאַפּט אויף די זון אין שפּיגעלע און שיקט אַרויס אַזוינע ספּריטנענקע זוניקע „העזעלעך" איבער די ווענט, איבער די בעטן, איבער די טירן און פענסטער.

אַז גו־גו דערזעט אָט די שפּרינגענדיקע העזעלעך, וואָס שיינען אויף אָט דאָ און אָט דאָרטן, פאַרגעסט זי אָן אַלץ. עס דערמאָנט איר מיסטאָמע אָן אַ מייזעלע, וואָס וויל זיך פון איר אויסבאַהאַלטן און זי וויל ניט אַנדערש ווי טאַקע גלייך, שוין באַלד, אָט־אָ דאָ גלייך אַפּ׳ן אָרט, אַ כאַפּ טאָן דעם זון־העזל. וויגדערקע רייצט זיך מיט איר. ער דרייט זיין שפּי־געלע אַף אַלע זייטן, ער שיקט זיין העזעלע אַהער און אַהין, און פּלוצלינג לאָזט ער אים שטיין גלייך אַפּ׳ן וואַנט לעבן גו־גו. . .

האַ־האַ . . . גו־גו ציט זיך אויס . . . שטיל, שטיל פאַרטייעט וואַרט זי און וואַרט, דערנאָך ציט זי זיך פּאַוואָלינקע אויס,

דערלאַנגט אַ שפּרונג, אָבער דאָס העזעלע איז שוין עט . . . הויך אַפּ׳ן סטעליע.

גו־גו ווערט בייז . . . גו־גו בלאָזט זיך אָן . . . זי ברומט אַזש . . . ס׳פּאַסט איר גאָר ניט, אַז זי זאָל עס ניט קענען בייקומען. שטעלט זי אויף איר רוקן גאָר גאָר הויך, די הערעלעך אין איר פּעלצל שטעלן זיך אָן, די וואָנצעס ווי שפּיזן זײַנען גרייט . . . אָבער דאָס „העזעלע" איז שוין אַפּ׳ן טיש. . . וויגדערקע פּירט זיין שפּיגעלע אַזוי שנעל און קונציק, אַז גו־גו קערט איבער די הויז קאַפּויער.

וויגדערקע קייקלט זיך פון געלעכטער. זיין ברודער וואַרפט אַוועק די ביכלעך און העלפט אים אַרויס און די מאַמע, כאָטש זי פאַרגינט זיך ניט אַזוי אָפן צו לאַכן, קען זיך ניט איינהאַלטן פון אַ באַהאַלטענעם שמייכל.

פּלוצלינג . . . גו־גו האָט דאָס זון־„העזעלע" געפּאַקט. אַזוי לאַכנדיק האָט וויגדערקע פאַרגעסן אַרומצוטרייבן אים און ער איז געבליבן שטיין אַף איין אָרט.

קומט גוגו צו שטיל אויף אירע אויסגעבעטע לאַפּקעס, דערלאַנגט עס אַ קראַץ מיטן פּיסל, דרייט זיך אַרום און אַרום דעם זון־פלעק און דערלאַנגט עס אַ דראַפּ מיט דער צווייטער פּיסל, אַ לעק מיטן צונג, דערנאָך בלייבט זי שטיין, קוקט עס אָן אַ ווייל, דערלאַנגט אַ דריי מיטן עק און גייט זיך אָפּ אָן אַ זייט פאַרדראָסיק און פאַרמאַטערט. זי דרייט זיך אויף, לייגט צונויף די לאַפּקעס אונטער דער ווייסער בריסטל, גיט אַ גרויסן גענעץ און שלאָפט איין.

גוגו געפינט זיך אַ וואַרעם אָרט

גוגו איז זייער פויל. אַבי נאָר זי איז זאַט רירט זי זיך ניט פון אָרט. זי ליגט צונויפגעדרייט ווי אַ בייגל און שלאָפט אַ גאַנצן טאָג. ס'נעמט אָבער גוגו'ן צייט איידער זי געפינט אויס אַ גוטן, באַקוועמען אָרט זיך אַוועקצוליגן. דער בעסטער פלאַץ, פאַרשטייט זיך, איז בײַ איר אויבן־אָן, אויף דעם ווייסן בעט, אָבער אַזוי ווי פאַר קריכן אַהינצו קריגט זי אָפט אָנגעבראָכן די ביינער, היט זי זיך. זי האָט אויך ניט פיינט זיך איינצונורען אין ווייכן שטול. לאָזט מען איר אָבער אויך ניט, ווייל אַזוי גיך ווי זי דערפילט זיך שוין גאָר אויסגערוט און צעפרידן, לאָזט זי זיך וואוילגיין מיט אירע נעגל, אַזוי זיך פאַר אַ שטיף, און מאַכט אַ טעל פון אַלץ. יאָגט מען זי אַרום און זי זוכט זיך שטענדיק אויס נייע טשיקאַווע פלעצער, וואָס קיינעם פאַלט גאָר ניט איין: אַ קעסטל, אַ שופלאָד, אַ איינגער ווינקל, אַ שאַפע, אַ פּאָליצע. הויפטזעכלעך זוכט זי זיך אַ פלאַץ, וואו ס'איז וואַרים. זי האָט ליב, אַז ס'איז איר זייער וואַרים, ווי אין אַן אויער!

זי טראָגט טאַקע אַ פוטער אַ געדיכטן און גלאַנציקן, אַז אַלע זיינען איר מעקאַנע, נאָר ס'איז איר אַלץ וויניק (אַזאַ טעווע האָט שוין איר עלטער-זיידע, דער טיגער, געהאַט).

איינמאָל צינדט די מאַמע אונטער דעם אויווען. זי דאַרף עפּעס אָפּבאַקן. גו־גו, אַז זי דערהערט נאָר אַז אַ טירל עפנט זיך, דוכט זיך איר גלייך, אַז דאָס איז דער אייז-קאַסטן און דאָס שמעקט שוין פאַר איר מיט אַ בים, קומט זי באַלד צעלויפן. אַזוי איז טאַקע דאָס מאָל געווען: פּאַמעלעך, ווייך איז זי צוגעקומען, זיך פאַרטייעט אין אַ ווינקעלע און וואַרט. עפּעס אַ פיין קעסטל דאָס אויוועלע און ס'שמעקט פון דעם

אַזאַ ליבע, האַרציקע וואַרימקייט. און נאָך איידער די מאַמע האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין גוגו געווען אינעווייניק. זי האָט זיך פּשוט מעכאַיע געווען.

און אַ ווײַלע אַרום איז די מאַמע צוגעגאַנגען מיט איר טעפּל, אַרײַנגעשטעלט עס אין אויוון און שוין געוואָלט פאַרקלאַפּן דאָס טירל. זי האָט אָבער עפּעס דערשמעקט סמאַלינעס. זי קוקט זיך אַרום צי עפּעס ברענט ניט; זי קוקט און קוקט — אַלץ ווי געווען. נו, טראַכט זי, מיסטאַמע האָט זיך עס איר אויסגעדוכט און זי נעמט דאָס טירל אין האַנט. . .

פּלוצלונג דערזעט זי צוויי גרויסע גרויע אויגן קוקן אַרויס פון אויוון . . . זי איז פאַרציטערט געוואָרן. מיט גוואַלד האָט זי די נאַרישע גוגו אַרויסגעשלעפּט. דער רויאַך פון געברענטע האָר האָט זיך צעטראָגן איבער׳ן קיך. אַלע אין הויז האָבן געלאַכט און זיך געוויצלט, אָבער גוגו האָט זיך רואיק אוועקגעזעצט, אַרײַנגענומען איר לאַפּקע אין מויל און זיך גענומען אַרומפּוצן און אַרומגלעטן מיט אַזאַ אומשולדיקע, ציכטיקע מינעלע ווי ניט איר מיינט מען עס. אַז זי איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך איבערגעקאַטשעט דריי מאָל הין און צוריק אָפּן פּלייצקע און האָט אַפילו מיט קיין אויג ניט אַ פינטל געטאָן, אינדערצייט וואָס די מאַמע און די קינדער האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

גוגו כאַפּט אַ פליג

גוגו איז עפּעס היינט אומעטיק. איר כאַווער, וויקטאָר, איז אַוועקגעפאָרן. קיינער שפּילט זיך מיט איר ניט. קיינער לייגט זי ניט אַוועק אַפן פּלייצקע און גלעט ניט איר פעלכל. קיינער קראַצט איר ניט אַביסל אונטערן העלזל און ציט ניט אירע שטייפע ווייסע וואָנצעלעך. קיינער באַמערקט זי אַפילע ניט.

גוגו פּרואווט זיך שפּילן מיט זיך אַליין. זי ציט זיך אויס ווי גרויס זי איז. אָבער ווי לאַנג קען זי עס טאָן? עס דערעסט איר גיך. הויבט זי זיך אָן אַרומצודרייען אַרום זיך אַליין. עס גלוסט זיך איר כאַפּן דעם שאָטן פון איר אייגענעם עק. אָבער פונקט ווי עס דוכט זיך איר, אַז זי האָט אים שוין געפּאַקט, רוקט זיך דער שאָטן אָפּ אַביסל ווייטער און זי מוז שוין אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב. אַז זי ווערט שוין גאָר גוט פאַרמאַטערט פון דער שפּיל, זעצט זי זיך אַוועק אָף די הינטערשטע לאַפּקעס, פאַרלייגט די פאָדערשטע, ווי אַ ציכטיקע באַלעבאָסטעטשקע און טראַכט. . .

גיי ווייס וואָס אַ שוואַרץ קעצל טראַכט אין אַ הייסן זומערדיקן טאָג? פלוצלונג שטעלט זי אָן אירע אויגן, די וואָנצעלעך ווערן נאָך שטייפער ווי אַלעמאָל, זי דרייט זיך אויס און טוט גלייך אַ שפּרונג צום פענסטער . . . זי האָט דאָרטן אַ פליג דערזען.

זיצט זיך די פליג און איר פאַלט גאָר ניט איין, אַז גוגו, די שטילע קעצל שפּרינגט נאָך איר. קריכט זי זיך אַרום מיט די פיסלעך אַרויף און זוכט עפּעס אַ בים צו טאָן . . . שלעכטע צייטן. קיינער איז אין הויז ניטאָ, אַ ברעקל קען מען אַפילע ניט געפינען. . . זוכט זי, נישטערט זי . . . אָבער

אַז גוגו זעט אַז די פֿליג קריכט אַלע מאָל אַף אַן אַנדער אָרט פֿאַרדריסט עס איר. סטייטש, אַזאַ פֿאַסקודנע פֿליג, אַזאַ... אָט פּונקט ווען זי, גוגו, האָט זי שוין דוכט זיך ווי אין לאַפּקע, פֿליט זי אַוועק, ווי גאָר ניט איר מיינט מען עס...

גוגו איז אויפֿגערעגט. קאָנטיק, אַז זי טראַכט עפּעס וועגן אַ שפּאָגל ניי שפּיצל ... זי וועט שוין ווייזן דער פֿליג ווער עלטער איז. זי פֿאַרטייעט זיך שטילערהייט באַם פֿענ-סטער-ברעטל, האַלט אַזש דעם אָטעם איין ... די פֿליג איז טאַקע אָטאָ נאָענט מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ... גוגו שפּרינגט אויף ... די פֿליג וויל פֿליען. זי זשומעט פֿון קאַס, נאָר איר לאַפּקע האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין די לעכלעך פֿון דער פֿענצטער-נעץ... גוגו טריאומפֿירט ... געפּאַקט די פֿליג.. מיט'ן צינגל דערלאַנגט זי עס אַ שלעפּ אַריין אין מויל, אָבער זי פֿאַרגינט זיך ניט דאָס פֿליגל גלייך אויפֿצועסן. לייגט זי עס פֿאַמעלעך איבער פֿון איין זייט צינגל אַף דער אַנדערער, פֿאַסמאַקעוועט זיך, באַלעקט זיך. אַי, ס'איז אַ מעכאַיע! פֿליגן-פֿלייש איז אַ טייערע פֿאַטראַווע ... ס'קומט אַזוי לייכט ניט אָן אויך. אָפּגעגעסן, באַנעצט זי זיך די פֿאָ-דערשטע לאַפּקעלעך, וואַשט אַרום ס'מיילכל, ס' העלדזל, פּוצט אַרום אַביסל איר שוואַרץ-ווייס פּוטערל, קוקט זיך אַרום און אַרום און גייט אַ צופֿרידענע מיט זיך אַוועק צום שיסעלע מיט מילך.

ביינאַכט אין וואַלד

אַ הימל פול מיט וועלטן
צעשאָטן אינ׳ם רוים;
אַ האַלב פאַרשלאָפן ראָבין *
טשירפּעט אַף אַ בוים.

אַ גריל האָט זיך צעציקלט
אין שוואַרצער נאַכט אַריין,
דער דופט פון רייפע סאָסנעס
איז קרעפטיקער ווי וויין. . .

אין טונקעלן געבלעטער
עס ציטערט שטיל אַ ווינט,
אַף יענער זייט פון וועלדל
צעוויינט האָט זיך אַ קינד. . .

ספּריטנע פייער-פליגן
פונקן-שטויב אין לופט,
געמיטלעך קוואַקען זשאַבעס,
דער שטיפער — קוקו רופט. . .

דורך גרין געוועב פון צווייגן
שליינגלט זיך אַ וועג,
מאָסקיטאָס, בייז און זשעדנע,
פליהען אַף געיעג. . .

איך פיל זיך גאָרניט איינזאַם
ביינאַכט אין טיפן וואַלד,
איך אָטעם טיף און קוויק זיך
פון שטערן-פראַכט באַשטראַלט.

---

* ראָבין — אַ נאָמען פון אַ פויגל.

גוט מאָרגן דיר

לופט און גראָז איז פול באַוועגונג,
לעבן איז אין יעדען ריר . . .
אָ, וואו נעם איך בונטע פאַרבן,
אויסמאָלן עס אַף פּאַפּיר.

אין דעם גאָלדענעם באַגינען
הער איך פרעכטיקע קוראַנטן,
ס׳גריסן מיך אין וואַלד דעם גרינעם
קינסטלער פויגל-מוזיקאַנטן.

רייך, מעלאָדישע אַקאָרדן,
אויסגעמישט מיט קריי פון הענער . . .
ס׳וויינט אַ קו, אַ הונט פאַרגייט זיך
אַ סימפאָניע פון טענער.

און עס נויגט זיך מיט גרוים ווירדע
גרין-געקרויזטער וואַלד פאַר מיר,
דורך געדיכטקייט זון צעפלאַמטע
שעלמיש ווינקט: „גוט מאָרגן דיר!”

אין שטאָט - גאָרטן

גרינע בלעטעלעך אַף בוימער,
בונטע טולפּעס אַף די בייטן,
קליינע קינדערלעך, ווי בינען,
שפּילן זיך אַרום די קווייטן.

אין דער מיט פון שיינעם טייכל
איז אַן אינזעלע פאַראַנען,
אַרום אים ווי לייכטע שיפלעך
וויגן זיך די שטאָלצע שוואַנען.

ציען זיך צו זיי די צווייגלעך
פון די יונגע ווערבע-בוימער,
און עס לאָקט זיי ווייכער ניי-גראָז,
צווישן שיין - צעלייגטע שטיינער.

יונגע קאַטשקעלעך און שוואַנען
מאַכן צווישן זיך אַ שטיף
און מיט גראַציעזע העלדזלעך
טויכן זיי אין טייכל'ס טיף.

כוואַליעט זיך דאָס קלאָרע וואַסער,
גלאנצט עס אויף מיט טויזנט זונען,
ווערן אינזל, קאַטשקעס, שוואַנען
אין אַ גאָלד-נעץ איינגעשפּונען. . .

צוויי-הונדערט-און-פינף

מיטאמאָל אַ הילכיק לאַכן
קלינגט פון דאָ און הילכט פון דאָרטן —
ס׳זיינען דאָ צונאַסט געקומען
בלימעלעך פון קינדער-גאָרטן:

בונטע ווי די שיינע טולפּעם —
וויים און ברוין, און געל און רויט . . .
און מען קען שוין קוים דערקענען,
וואו איז קינד און וואו איז קווייט. . .

נעמען טולפּעלעך קאָלירטע
שושקען זיך, מיט קעפּלעך נויגן,
און עם גריסן קינדער-בלימלעך
סאַמעטענע „כאַנעם אויגן".

ווערט איין פרייד — די זון און טייכל,
קאַטשקעלעך און שלאַנקע שוואַנען,
קינדער, גרויסע, בוימער, בלומען —
אַלץ וואָס איז אַרום פאַראַנען. . .

דער פאַרדינער

ווי אום יאָמטעוו זיצן מענטשן
אויסגעזעצט אין גרינעם פאַרק,
הייגען הענט ווי שווערע פלאַכטעס,
וויגט זיך קאָפּ אַף מידן קאַרק.

גייט אַ אינגעלע אַ קליינער,
גייט פאַמעלעכדיק און שטיל,
מיט אַ שוך-קעסטל אַף אַקסל,
גרייט צו פוצן — ווער עס וויל.

קוקט אַף יעדנס פיס באַזונדער,
פול איז פאַרק פאַר אים מיט שיך,
דאַכט זיך דאָרטן, איינער רופט אים,
לויפט ער מיט זיין קעסטל גיך. . .

קוים פאַריאָגט די נאַכט די לאַנגע,
קוים דערלעבט שוין דעם באַגינען,
ס'ערשטע מאָל אַ מענטש געוואָרן,
ס'ערשטע מאָל אַרויס פאַרדינען!

נאָר עס שאָקלען קעפּ און שמייכלען,
שיך?! זיי בעטן זיך אַ פוץ . . .
איינגעדאַרטער אַלטער לעדער,
ברעכט זיך אונטער גרויען שמוץ!

מענטשן, ווי די שיך פֿאַרדאַרטע,
קוקן מיטליידיק אַף אינגל,
ווען עס פּלאָנטערט זיך אַ „ש-ו-ש-י-י-ן"
פֿון זיין ניט-געניטן צינגל...

ס'אינגל קריגט זיי ליב די מענטשן
מיט די אומעטיקע הענט...
אָך, ווען ער וואָלט שיך צעדאַרטע
קענען פּוצן אָן איין סענט!...

נאָר ער מוז דאָך היינט פֿאַרדינען,
מאַמע קוקט אַף אים אַרויס...
זיצט ער הילפֿלאָז אַף זיין קעסטל
באַלד שוין צייט צו גיין אין הויז...

קומט אַ שוך-פּוצער אַ צווייטער,
קומט אַ דריטער יאַטל אָן —
אַז קיין שיך ניטאָ צו פּוצן,
שפּילט מען „קאָפּ און עק" — אַ קאָן.

מאַכט זיך אַ פּאָר'ט אַ שטיקל אַרבעט,
טיילט מען זיך אין דרייען איין —
איינער פּוצט, דער צווייטער העלפֿט אים,
און דער דריטער שרייט — „ש-ו-ש-י-י-ן!"

שפּעט, דער העלער טאָג פֿאַרגייט שוין,
ס'אינגל גייט אַהיים אָן געלט,
נאָר זיין פּאָנים שיינט צופֿרידן —
ער האָט היינט געזען אַ וועלט...

איבערנאַכט שפּאַציר

(טרומייטער רופט) — טו . . . טו - טו - טו . . . טו - טו - טו ! . . .

אין צווייען,
אין רייען,
אַף פּלייצע האַק און פּאַק;
מיט לידער
אין גלידער
מיר שפּאַנען גאַר געשמאַק !
ווי רויטע סאָלדאַטן
מיר נעמען איין דאָס פעלד,
מיר שלאָפן אין פּאַלאַטן
אַף פרישער גרינער ערד.
פון הויכן
מיר טויכן
אין וואַסער אויף און אַפּ;
מיר גרייטן,
מיר שפּרייטן
אַ בעט פאַר מידן קאָפּ.
ווי קוכערס געניטע
מיר פּראַוון צו די שפּייז
פאַר וואַנדערער מידע,
פאַרהונגערטע ווי מייז.
מיר הערן

ווי שטערן
שטיפֿן בײַ דער נאַכט,
מיר שלאָפֿן
ווי שאָפֿן
ווען פֿאַסטוך רוהיק וואַכט.
אין צווייען,
אין רייען,
אַף פּלייצע האַק און פּאַק;
פֿאַרשוויצטע,
דערהיצטע,
פֿאַרמאַטערט, נאָר געשמאַק.

— — — — — —

מיר זשומען,
מיר קומען,
פֿון איבערנאַכט שפּאַציר;
מיט לידער
אין גלידער
מיט קראַפֿט אין יעדן ריר.

אַ קינדערשער איינפאַל

אז דער פרילינג איז געקומען האָט ער די פרעסט און שנייען, די ווינטן און זאַווערוכעס אין ווינטערלאַנד פאַרטריבן, יעדער שפּור פון זיי פאַרוואַשן און זיך צעטאַנצט איבער דער וועלט. איז אומעטום פריילעך און וואַרים, פריש און ניי געוואָרן. קינדערלעך האָבן קעצישע קעפּלעך. האָבן זיי טאַקע גלייך פאַרגעסן דעם גוטן זיידע-ווינטער, מיט זיינע פוכיקע שנייען און סקריפּענדיקע פרעסטלעך און קרישטאָלענע גליטשן. ווי גאָר ניט געווען. וויפיל איז טאַקע דער שיר... שוין דערעסן... אין פרילינג איז דאָך אַזוי גוט, אַזוי העל!

האָבן זיי זיך הורבעסווייז אין די גאַסן ארויסגעשאָטן, זיך געבאָדן אין פרילינג-זון, זיך געפּליושקעט אין פרילינג לוזשעס און געשטיפט אַזוי לייכט, אַזוי זאָרגלאָז ווי פרילינג אליין.

וויגדערקעס מאַמע האָט די פענצטער ברייט צעעפנט, זיך אין אַ שטול געזעצט, און גלעטנדיק איר אינגעלע׳ס קאָפּ האָט זי אים מייסעלעך דערציילט פון פרילינג, פון בלומען און גראָז, פון בוימער און פלאַנצן, פויגעלעך און פליגעלעך, און נאָך, און נאָך. . .

וויגדערקע, „דער קיפּיאַטאָק״, ווי מען רופט אים אין שפּאַס, (קאָכעדיקער) דער ווילדער שטיפער, נעמט פון זיין מאַמען די אויגן ניט אַראָפּ, ווי פאַרקישעפט זאַפּט ער אין זיך אַריין די שטיל-זאַפטיקע רייד פון זיין מאַמען; אַמאָל ווערט ער באַגייסטערט און רייסט איבער דער מאַמעס רייד מיט אַן אומגעדולדיקער פראַגע, נאָר באַלד ווערט ער ווידער

אויפמערקזאַם און הערט אַ וואונדערלעכן כאָלעם, אַ וואונדערלעכע וועלט:

אַ גראָז לעבט . . . אַ בוים עסט און וואַקסט . . . אַ בלום שטאַרבט . . . פון איין קערנדל ווערט אין דער ערד אַ סאַך. . . זאָל דאָס טאַקע אַלץ זיין עמעס?...

* * *

דאָס פאַראַיאָריקע גאָרטנדל, שוואַרץ און בלאָטיק, ליגט און טוליעט זיך צום הויז, קוקט צו דער פריילעכער פרילינג זון אַרויף און וואַרט, וואַרט געדולדיק ביז זי וועט איר צע-וויקטן, פוכקן לייב אַביסל אַרומטריקענען, דערוואַרימען.

וויגדערקע קוקט אויך אומגעדולדיק אַף זיין גערטנדל און וואַרט ביז מען וועט זיך שוין קענען נעמען צו דער אַרבעט. . . אין הויז איז אומעטיק. די מאַמע איז גאָר אַ טייערע, ווען זי האָט נאָר אַביסל פרייע צייט און דערציילט אירע וואונדער-לעכע מייסעלעך און לערנט אים אַזוינע שיינע שפילן; אָבער ווען זי איז פאַריאָגט און מוז אַלץ, אַלץ אַליין טאָן איז זי אַ קאַסעדיקע, פאַראומערטע. . .

ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע וועגן זיין מאַמע, וועגן זייער אָרימער הויז; אָבער באַלד פאַרגעסט ער אָן אַלץ, כאַפּט זיין רידל און עמער און לויפט אין דרויסן.

* * *

דאָס גאָרטנדל איז שוין פון אויבן-אויף אויסגעטריקנט און מאַמע זאָגט, מען קען שוין זייען. וויגדערקע איז מאַלע-סימכע — אָט וועט ער טאַקע אַליין אויספּרואוון צי די מיי-סעלעך זיינען עמעסע. ער גראָבט פאַנאַנדער אַ פּאָר קליי-נינקע בייטעלעך באַם סאַמע וואַנט, שלעפּט אַרויס פון זיינע אָווערעלס-קעשענעס דעם צוגעגרייטן בעבל, דאָס גערשטל, ציבעלע און אַרבעס. און אין קעפל מאַכט ער שוין אַ כעשבן: פון איין זאַכעלע וואַקסן אַרויס אַ סאַך, וועט ער שפּעטער

פאַרזייען נאָכאַמאָל, און די מאַמע וועט ניט דאַרפן קויפן: זי'ט אַריין אין גאָרטנדל און נעמען...

ער באַטראַכט דעם בעבל פון אַלע זייטן, שיינט אים אָפּ אָן זיינע הויזן, פליקט אַרום די צעריסענע „קליידעלעך" פון דער ציבעלע, זעצט יעדער זאַכעלע אין אַ באַזונדער גריבעלע און פאַרשיט עס פאַרזיכטיק מיט ערד.

ס'וואָלט זיך אים אַזוי וועלן אימיצן דערציילן פון דער גרויסער אַרבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, נאָר קיין באַקאַנטע אינגלעך האָט ער ניט, זעצט ער זיך אָפּן טרעפּל און טראַכט מיט גרוים יירּאַס-האַקאָווועד וועגן זיך אַליין, וועגן זיין גאָר־טענדל, מיט די קערנדלעך, וואָס וועלן שוין געוויס מאָרגן אויסוואַקסן אַ סאַך, אַ סאַך...

מיט אַמאָל שפּרינגט ער אויף אַ ליכטיקער, אַ לאַכנ־דיקער — ס'איז אים עפּעס איינגעפאַלן, אַ טייערע זאַך, ער האַלט זיך קוים איין אויסצושרייען זיין גרויסע גדולע...

מיטן ענטל האָט ער אין קעשענע אַ סענט דערטאַפּט... כאַפּט ער האַסטיק זיין רידל, גראָבט אוים אַ שיין, טיף גרי־בעלע, אַהינצו לאָזט ער מיט ציטערנדיקע הענטעלעך אַראָפּ דעם סענט, פאַרשיט עס גלייך און לויפט אָן אָטעם אין הויז.

* * *

„וואָס איז מיט דיר, זונעלע, זע נאָר ווי צעהיצט! וואָס איז מיט דיר אַזאַ סימכע? נו, שוין פאַרזייט דיין גאָרטנדל, שקאָץ!"

— יע, יע, מאַמעניו — שטאַמלט וויגדערקע פון באַגיים־טערונג — יע, יע, פאַרזייט אַ בעבל, אָן אַרבעס, אַ ציבעלע, און... און... אַ סענט אויך — האָט וויגדערקע שנעל אַרויסגערעדט און רויט געוואָרן ביז די אויערן, ווייל ער האָט ניט געקענט זיך איינהאַלטן און אויסגעזאָגט דעם סאָד!

— כאַ־כאַ־כאַ! וואָס זאָגסטו? אַ סענט האָסטו פֿאַר־זייט! נו, און וואָס וועט זיין?

— ווייסט גאָר ניט? — וואונדערט זיך ווינדערקע קוקנ־דיק אַף זיין לאַכנדיקער מאַמען אַביסעלע צעטומלט — ווייסט ניט, אַז מ׳טוט אַריין אַ זאַכעלע אין דער ערד וואַקסן אוים אַ סאַך, אַ סאַך... ווּעסטו האָבן אַ סאַך סענטלעך און ניט דאַרפֿן קלערן וואו נעמט מען.

— אַזוי גאָר, קלוגע קאָפּ מיינע — לאַכט אים אוים די מאַמע — זיך טאַקע דערטראַכט! אַ טייערע אויצע, וועלן מיר, הייסט עס האָבן בעבלעך מיט ציבעלע צו קאָכן און סענטלעך צו קויפֿן גוטע זאַכן! אַי־אַי, אַי אַ אינגלע, אַ גע־זונט אין אים. און אויפֿהויבנדיק אים הויך אין דער לופֿטן, קערט זי אים מיטן קאָפּ אַראָפּ, טיילט אים איין צו צוויי קושן אין יעדער בליענדיקער בעקל און שטופּט אים אין דער פֿרי־לינגדיקער גאַס אַרויס.

מאַמע רייזעלע און ליאַלקע לאַרע

זינט מען האָט דער מאַמען, אַ בלאַסע, אַ וויינענדיקע אַוועקגענומען אין שפּיטאָל און מען האָט זי קיינמאָל ניט געבראַכט צוריק אַ היים, איז אַ פראַגע אַ גרויסע, ניט פאַרענטפערטע פאַרבליבן אין רייזעלעס שיינע ברוינע אויגעלעך.

די ערשטע צייט האָט זי געהאַלטן אין איין פרעגן אַלעמען ווען וועט שוין די מאַמע אַהיים קומען, דערנאָך זעענדיק אַז מען ענטפערט איר מיט אַ האַלבן מויל, אָדער מען פאַררעדט איר אינגאַנצן מיט אַן אַנדער זאַך, האָט זי אויפגעהערט זיך נאָכצופרעגן. זשעדנע, בייענקענדיק האָבן אירע אויגן נאָכגעפאָלגט די דערוואַקסענע, וואָס האָבן עפּעס שטענדיק שטיל און אומעטיק גערעדט און זי האָט געוואָלט טרעפן — עפּשער ווייסן זיי עפּעס וועגן איר מאַמען. . . בלויז איינע אין הויז איז איר עמעסדיק נאָהענט געבליבן — איר ליאַלקע לאַרע — און פאַר איר האָט רייזעלע אויסדערציילט אַלץ וואָס האָט געדריקט איר שווער, אָנגעלאָדן הערצל, אַלע אירע בייענקענישן, און לאַרע מיט איר שטענדיקן שמייכעלע אַף די פּאַרצעלאַיענע בעקלעך און ליפּעלעך איז געווען אַ גרויסע טרייסט פאַר רייזעלען, ווייל זי איז געווען די פריילעכסטע אין גאַנצן הויז.

— לאַרע טייערינקע, זאָגט רייזעלע. איינוויקלענדיק איר ליאַלקע אין צוויי קאָלירטע בליינקעטלעך — געדיינק, זאָלסט זיך ניט אָפּדעקן, אַז ניט וועסטו זיך נאָך צוקילן און ווערן קראַנק אַזוי ווי מיין מאַמע . . . און מען וועט דיר אַריינלייגן אין אַן אַמבולאַנס, און מען וועט דיר אויפשניידן דיין בייכל . . . און וועסט שוין קיינמאָל מער ניט זיין מיט מיר. . .

— לאַרעלע, ווייסט ? מאָרגן — מאָרגן — מאָרגן, אַ סאַך

מאָרגנס, ווען איך וועל ווערן אַ גרויסע, וועל איך קיינעם ניט אויסזאָגן, כ׳וועל אַוועקגיין אין מיטן נאַכט, אַפֿילו אַז עס וועט זיין פֿינסטער, אַפֿילו אַז עס וועט גיין אַ רעגן מיט אַ בליץ . . . כ׳וועל זוכן און זוכן און זוכן אומעטום מיין מאַמען . . . סארא שלעכטע זיי זיינען . . . איך פֿרעג און פֿרעג און קיינער וויל ניט זאָגן וואו זי איז. . . אַלע קינדער האָבן מאַמעס. . .

ס׳איז גוט צו האָבן אַ מאַמע, ניין, לארעלע, קינד מיינס? און רייזעלע קושט איר ליאַלקע אין די האַלב־צעעפֿנטע ליפּעלעך און שאָקלט איר וועגעלע און הערט ניט אויף צו טראַכטן. . . קיינער פֿון די גרויסע ווייסט ניט וואָס זי טראַכט, קיינער פֿרעגט זיך אַפֿילו ניט נאָך, כאָטש דער פּאַפּאַ און די טאַנטע און דער אָנקל האָבן איר אַזוי שטאַרק ליב, נאָך מער ווי אַלעמאָל. . .

און רייזעלע פֿאַרשטייט ניט וואָס עס קומט דאָ פֿאַר — גרויסע מענטשן וויינען ווי בייבעס, זי האָט עס אַליין באַמערקט. נאָר ווי זי קומט אַריין, ווישן זיי אָפּ די אויגן און לאַכן אין דער הויך און שמייכלען. עפּעס מאָדנע קוקן זיי אויס מיט זייערע שמייכלען וואָס זעט אויס ווי געוויין . . . ס׳ווערט אַזוי אומעטיק. . .

רייזעלע בויגט זיך איבער איבערן וועגעלע און כאַפּט אַרויס איר ליאַלקע אָף די הענט: „אָט אַזוי, אָט אַזוי, מיין קינדעלע, האָט זיך שוין אויסגעשלאָפֿן, מיין קינדעלע וועט אויסטרינקען מילכעלע און זיין גוט; לארעלע ווייסט אַז מאַמעלע האָט אַ סאַך, אַ סאַך אַרבעט . . . אָטאָ דאָ זיין און איך וועל מאַכן אַ קייק — אַ זיסן, שיינעם טאָרט פֿאַר לאַרעלען.״ רייזעלע פֿאַרבינדט זיך דאָס קעפּל מיט אַ ווייס שמאַטקעלע, זי טוט אָן אַ פֿאַרטוכל און פֿאַרקאַטשעט די אַרבעלעך פֿון קליידל — אָן עמעסע באַלעבאָסטיטשקע —

זי מאַכט באַוועגונגען מיט די הענטלעך, ריידנדיק צו איר ליאַלקע:

— זעסט, מען צעעפנט אַלע שאַפקעס און מען שלעפּט אַרויס מעל און אייער, ראַזשינקעס און צימערינג, אַביסעלע זאַלץ, אַ ביסעלע פּוטער און באַק-סאָדע, מען צושטעלט די שיסלען און מען מאַכט אַ מאַשע-קאַשע פון אַלע זאַכן . . . מען מישט און מען שרייט און מען איז אין כּעס — מען מוז, לאַרעלע, שרייען אַף עמיצן ווען מען מאַכט אַ קייק און זיין ברויגעז . . . מיין מאַמע טוט אַלע מאָל אַזוי, אַז ניט קומט עס ניט אַרויס; הער זיך צו, אַט אַזוי:

— לאַרעלע, טשעפּע ניט די מעל, וועסט זיך אויסשמירן.

— לאַ-רע, צעשיט ניט די צוקער אַפן דיל!

— לאַ-אַ-רע, וואָס האָב איך דיר אָנגעזאָגט, דריי זיך ניט פאַר מיינע פּיס . . . דו הערסט? . . . הערסט, צו ניט?! אוי וויי איז מיר, כ'וועל ניט אויסהאַלטן — ווי איז מיינע יאָרן . . . זי וועט מיר מיין קייק פאַרפּאַטערן!

רייזעלע קוקט אַף לאַרעלען און זי לאַכט אין דער הויך, עס געפעלט איר גאָר צו ריידן ווי אַן עמעסע גרויסע.

— און אין קיך מוז זיין שמוציק, אָנגעוואָרפן און אָנגעגאָסן, אַט אַזוי . . . אייער שאָלאַכץ און מעל, צעטראָטענע ראַזשינקעס און צימערינג מיט צוקער סקריטשעט אונטער די פּיס. . . איצט אַז אַלץ איז שוין אָפּגעטאָן — אָפּגעמישט, און אָפּגעשריען, און אָנגעמאַכט אַ פולע קיך, זעצט מען דעם טאָרט אין אויוון אַריין און מען גייט אַרום שטיל, שטיל, אַף די שפּיץ-שפּיץ פינגער, אַט אַזוי אַ . . .

רייזעלע מיט די הענט אין די זייטלעך ווייזט לאַרעלען ווי מען גייט הין און צוריק, הין און צוריק, ביז זי קען זיך שוין אַף די פיסלעך ניט האַלטן און פאַלט אַנטקעגן פּיסל פון קיך-טיש און צעשלאָגט זיך דעם שטערן. . . זי פאַרגעסט

אַז זי איז לאַרעס מאַמע און צעוויינט זיך אַפֿן קאָל . . . שוין ניט אַזוי פֿון ווייטאַג ווי פֿון פּאַרדרוס. . .

— אוי, לאַרעלע, וואָס האָב איך געטאָן, אוי, אוי, אוי. . . ס׳וועט שוין גאָרניט אַרויסקומען. . .

זי קוקט צו לאַרען ווי זי וואָלט עפּעס וועלן אַ גוט וואָרט פֿון איר הערן, אָבער די ליאַלקע נעמט זיך גאָר ניט צום האַרצן, זי זיצט און שמייכלט ווי אַלעמאָל און רירט זיך ניט פֿון אָרט. . .

רייזעלעווישט אויס אירע טרערעלעך מיטן לינקן זייט פֿון קולאַקל און זי רעדט צו זיך אַליין: „אַז מיין מאַמעלע וועט קומען וועל איך אויסבאַקן אַט אַזאַ אַ גרויסן, גרויסן טאָרט, און איך וועל זיך שוין היטן ניט פֿאַלן . . . פֿאַר־שטייסט, טייערינקע,״ ווענדעט זי זיך צו לאַרען, „דער טאָרט זיצט איינער אַליין אין הייסן, פֿינסטערן אויוון, און אַז ער דערהערט אַ קלאַפּ, דערשרעקט ער זיך, עס פֿאַלט אים איין אין האַרצן און ער גייט שוין מער ניט אויף — מיין מאַמע האָט עס מיר אַליין געזאָגט.״

אַביסעלע אַנטוישט נעמט זי אַראָפּ איר פֿאַרטוכל און שמאַטקעלע פֿון קאָפּ און די שפּיל איז אויס.

	זייט
א פּאָר ווערטער פון משה נאדיר — — — — — — — — — — — —	6
טריט נאָך טריט — — — — — — — — — — — —	9
א גוט יאָמטעוו — — — — — — — — — — — —	15
די קאַפּעליע — — — — — — — — — — — —	17
ס'גייט דער זייגער, ס'גייט — — — — — — — — — — — —	20 - 21
פרילינג — — — — — — — — — — — —	22
יאַנקעלע דער עקספּלואַטאַטאָר — — — — — — — — — — — —	23
מיין בוך — — — — — — — — — — — —	32
ס'א טייערע וועלט... — — — — — — — — — — — —	33
שטייט א פויגעלע א קליינס — — — — — — — — — — — —	34
ס'שיינט די זונעלע אין הימל — — — — — — — — — — — —	37
זאָג מיר . . . — — — — — — — — — — — —	38
גוטער שלאָף — — — — — — — — — — — —	39
זומער־רעגן — — — — — — — — — — — —	40

	זייט
ביים טייך	42
צו גאַסט אין דאָרף	43
בונט - פּלאַטערל	47
מיין ציגעלע, מיין גרויאינקע	48
אַ פערד האָט אויך בייבעלעך	50
אַ מייסע מיט אַ מיידעלע	52
שעראָן — קאַטשקע-לאַנד	54
קינדער - קעמפּ	58
אַ מייסע מיט פיש	60
קעמפּ - פייער	64
דאָס הינקענדיקע טייבעלע	65
דאָס אָרימע געסל	69
אין שטאָט - גאָרטן	70
די פאַרשעמטע זון	72
ברידער פון שטעט און פון דערפער	74
סאַקאָ און וואַנזעטי	75
סטרייק	78
דער אַרבעטער - צענטער	79
לעניג'ס קערנער	80
דזשערי	81
אין דעם לאַנד פון די סאָוועטן	85
מאַמע'ס טאָג	86
מאַמע	89
בלויע טרוימען	90
וויטע — נאָענטע	91
שול - צימער	92
האַרבסט - ליד	93
טרעפּ	94
אזא אומגערעכטיקייט	95
בליהענדע טרייסט	98
ערשטע טריט	99

	זייט
לענין	100
נייע וועלט	101
שפאנישע וויג-ליד	102
ערשטער מאי	104
דאָס שטומע קעלבעלע	105
זומער-פרייד	109
ביים יאַם-ברעג	110
כוואַליעס	111
טשייקעס	112
א בילד	113
דער פלאַטער	114
די ציכטיקע סאָרעלע	115
אָפּגעטאָן א שפּיצל	119
א שניי גייט	120
פארוואס איך וויין?	122
א מייסעלע	123
קריסטמאס מאטאָנעס	126
געקויפט א יעזוס	128
נאכט	133
אין שטיפער לאנד	134
קריג	136
די אָפּגענארטע פליג	139
פארלאנגען	142
שטערן-שטיפערלעך	143
גרוסן	146
ליד פון מי	149
מאמעס טרוים	150
א גרוס די בירא-בידזשאנער קינדער	152
בערעלע בירא-בידזשאנטשיק	154
מיין שוועסטערל	163

צוויי-הונדערט-צוויי-און-צוואנציק

	זייט
הינדעלעך אויסגעזעסן	164
דאָס פאַרבלאָנדזשעטע אינגעלע	166
שול - סימכעלע	171
אַ האַרבסטיק וויג - ליד	172
באַגינען	173
אין סאַמע מיטן שפּיל	174
די קליינע מאַמעלע	175
די קאַרוסעל	178
מוישעלע און מענדעלע	179
ס'גיסט אַ רעגן	184
אַ צעשטערטער כאַלעם	186
אין צירק	188
גלאָסטער	190
דער גאָן־אײדן פון אָרימקייט	192
זאַמדיקע שלעסער	194
גוגו וויל כאַפּן די זון	195
גוגו געפינט זיך אַ וואַרעם אָרט	198
גוגו כאַפּט אַ פליג	200
ביינאַכט אין וואַלד	202
גוט מאָרגן דיר	203
אין שטאָט - גאָרטן	204
דער פאַרדינער	206
איבערנאַכט שפּאַציר	208
אַ קינדערשער איינפאַל	210
מאַמע רייזעלע און ליאַלקע לאָרע	214